יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 299	Łódź, Czwartek, 28 grudnia 1933 r.	עלפטער יאהרגאנג	לאדז, דאנערשטאג י' טבת תרצ"ד	№ 299

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

פראנצויזיש-דייטשע אונטערהאנדלונגען

דער ענין איז נעכטען בעטראכט געווארן אינ'ם פראנצויזישען מיניסטארען-ראט

פאריז, 27 (ספ. טעל.).

די היינטיגע זיצונג פונ'ם מיניסטארען־ראט איז געווען געווידמעט דער פראגע פון פעריהרען דירעקטע פראנצויזיש־דייטשע געשפרעכען.

פריהער נאך איז פארגעקומען א בעראטונג פון די מיניסטארען פאר נאציאנאל־שוץ: דאלאדיע און סארא, אין דער אנוועזענהייט פון פאל באנקור און דעם פרעמיער שאטאן.

די הויפט־זיצונג האט געדויערט 3 שעה און איז אדורך זעהר לעבהאפט.

מ'האט דיסקוטירט איבער די „אינפארמא־ציעס", וואס זענען דערהאלטען געווארען פון בער־לין, מחמת טראץ די בידאיצטיגע פעהלשלונגען איז לעת עתה נישט געווען קיין נעגאציאציע צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד.

לויט ווי די „פיגארא" פערזיכערט זענען די מיניסטארען בהסכם כולם געקומען צו דעם אויס פיהר, אז מ'דארף אפווארפען די פראפאזיציע וועגן דירעקטע פראנצויזיש־דייטשע געשפרעכען צווי שען די שעפען פון ביידע מלוכות.

לויט „לא ליבערטע" האט די פראנצויזישע רעגירונג בעשלאסען צו האלטען זיך ביי דער ביז איצטיגער שטעלונג, דער עיקר פון וועלכער איז — אז פראנקרייך קען נישט איינגיין אויף'ן דיסקוטירען די ענטוואפנונגס־פראגע מחוץ זשענע־ווע ובפרט מחוץ די ראהמען פון דער פעלקער־ליגע.

בערלין, 27 (ספ. טעל.).

די דייטשע פרעסע פאלגט נאך מיט גרויסער שפאנונג דעם פערלויף פון דער דיפלאמאטישער קאנפערענץ אין פאריז, באטיהרענדיג מיט אומצופרי־דענהייט, אז דער איינציגער פועל יוצא פון די תגא־געשפרעכען אין פאריז איז — די בעשלוסען פון דער ענגלישער און פראנצויזישער רעגירונג צו האלטען זיך אין די ראהמען פון דער פעלקער ליגע ביי די קומענדיגע אונטערהאנדלונגען מיט דייטשלאנד. דערמיט האלט די דייטשע פרעסע די פראנצויזיש־דייטשע געשפרעכען פאר ווידער אפ געלייגט.

פאריז, 27 (ספ. טעל.).

אויף דער זיצונג פונ'ם מיניסטארען־ראט האט פאל באנקור פארגעשטעלט די אינסטרוקציעס, וואס ער האט בדעה צו שיקען דעם אמבאסאדאר פאנסע קיין בערלין. דער ראט האט אקצעפטירט די איב־סטרוקציעס.

געשטארבען לונאטשארסקי

ריגע, 27 (ספ. טעל.).

די סאוויעטישע אגענץ איז מודיע פון פאר־ריז וועגען דעם טויט פונ'ם געוועז. פאלקס־קאמי־סאר לונאטשארסקי, וועלכער איז נישט לאנג צוריק באמינירט געווארען אלס סאוויעטישער אמבאסאדאר אין מאדריד.

לונאטשארסקי איז געווען דער בילדונגס־קאמי־סאר אין די יאהרען 1926־1929 און שפעטער האט ער זיך בעטייליגט אין פערשידענע אינטערנאציא־נאלע קאנפערענצן.

שרעקליכער אומגליק אין א קויהלען-גרוב

קאטאוויץ (?) — קאפשטאט, 27 (ספ. טעל.)

אין דעם קויהלען־גרובען נאטאל־סאמבריאן זענען פערשיט געווארען 170 בערג־ארבייטער נאך דעם, ווי זיי האבען אויסגעטרונקען וואסער, וואס האט ענטהאלטען ארשעניק.

א סך פון זיי זענען שוין געשטארבען, די איבעריגע מאטערען זיך אין גרויסע יסורים.

אונגארן שטייט נישט אפ...

בודאפעשט, 27 (ספ. טעל.)

אין די גאסען פון דער שטאט פעקס זענען מאסענווייז פונאנדערגעווארפען געווארען אנטיסע־מיטישע פלוג־בלעטלעך, און די יודישע געוועלבער זענען בעקלעבט געווארען מיט אפישען, וואס פאדערען אויף צו א שארפען באיקאט געגען די יודען.

וואולקאן-אויסברוך אין יאפאן

לאנדאן, 27 (ספ. טעל.)

פון טאקיא איז מען מודיע וועגען דעם אויסברוך פונם וואולקאן קאשי־מורא. לויט די בית־איצטיגע ידיעות זענען 40 מאן דערהרג'עט גע־ווארען און 24 שווער פערוואונדעט.

דער דעפיציט פון אמעריקאנישן מלוכה-בודזשעט

וואשינגטאן, 27 (ספ. טעל) דער דעפיציט פון אמעריקאנישען מלוכה־בודזשעט הי־יאהר מאכט אויס א מיליארד דאלער, בעת דער פאראיאהריגער דעפיציט האט בעטראפען א מיל־יארד מיט 594 מיליאן.

וואהלען צו די מוניציפאליטעטען אין ארץ-ישראל

תל־אביב. „דבר" טיילט מיט, אז דאס גייע זעלבסטפערוואלטונגס־געזעץ אין א"י וועט פערעפענטליכט ווערען אין יאנואר 1934 און אז די וואהלען צו די זעלבסטפערוואלטונגען וועלען פארקומען אין משך דעם זעלבע יאהר.

געעפענט דאס פאליטעכניקום אין בודאפעשט

בודאפעשט, 27 (ספ. טעל.)

מחמת דער פערזיכערונג מצד די יוגענד־דעלעגאטען, אז די אנטיסעמיטישע עקסצעסען וועלען זיך מער נישט איבערחזרן, האט דאס ביל־דונגס־מיניסטעריום פעראָרדענט צו עפענען דאס פאליטעכניקום.

א שרעקליכער „דאנק" פאר די קאלענדעס

לובלין, 27 (טעלעפאניש) אין דער פראנציזקען־קאלאניע הינטער לובלין זענען יונגליך געקומען זינגען קאלענדעס פאר'ן הויז פון איינעם וולאדיסלאוו מיעדזשווא, איז דער דאזיגער מיע־דזשווא ארויס אין דרויסען און פון א רעוואלווער אנגעהויבען צו שיסען אויף די קינ־דער. איינער פון זיי, קאזשימיעזש נרעגער איז דערהרגעט געווארען, און אייניגע פערוואונדעט.

דער מערדער איז ארעסטירט.

הויך-קאמיסאר מאקדאנאלד לויבט די יודישע ארגאניזאציעס

פאר זייער טעטיגקייט אין דער הילף-אקציע פאר די פליטים אין גענף

ניו־יארק, 27 (יט"א טעלעגראפיש).

פון גענף איז אנגעקומען דער הויך־קאמיסאר פאר דער פליטים־אקציע מאקדאנאלד צוזאמען מיטן אמעריקאנער דעלעגאט טשעמבערליין.

אויף דער אנפאנגמע פון די פרעסע פארשטע־הער, האט דער הויך־קאמיסאר שטארק געלויבט די טעטיגקייט און ענערגיע פון די יודישע אָרגאני־זאציעס פאר דער הילף־אקציע פאר די פליטים אין גענף. צום סוף פון דער קאנפערענץ, האט דער הויך־קאמיסאר ערקלערט, אז די הילף אקציע פאר די פליטים דארף געפיהרט ווערען אויף אן אינטער־נאציאנאלען מאסשטאב.

נאך 3 וואכען פערבלייבען אין אמעריקע, פאהרט דער הויך־קאמיסאר מאקדאנאלד צוריק קיין איירראפע.

א פארפאל מיט'ן מארשאל פילסודסקי

ווארשא, 27 (טעלעפאניש)

די האלב־אפיציעלע „איסקרא" איז מודיע, אז מיט דעם מארשאל פילסודסקי האט דירעקט ערב חנוכה פאסירט א קליינער פארפאל. ארויסגע־הענדיג פון בעלוועדער האט ער זיך אויסגעגליטשט און אנגעריסען דעם הארפלעקס אויף איין פוס. דאס האט אבער נישט געשטערט דעם מארשאל פילסוד־סקי צו פערברענגען די חנוכה אין ווארשא אין דער בעסטער שטימונג.

היינט אין דערפריה איז דער מארשאל פמטליך ארויסגעפאהרען אויף עטליכע טעג קיין ווילנע.

בייליד.

דער פאמיליע בארנשטיין (גלובנא 62) דריק איך אויס מיין טיפסטען ביילייד צוליב דעם טויט פון זייער ליבען מאן און פאטער

עמנואל דוד הכהן ז"ל

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

יוסף פריימאן

פאר

גאלד, בריליאנטען און לאמבארד־קוויטעס

צאהלט די העכסטע פרייזען

איזידאר פיאלקא

פיעטריקאווער 7.

Dr. med.

Haltrecht

ספעציאל־ארצט פאר הויט־און געשלעכטס־קראנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

נעמט אן פון 8—1 מיטאג און פון 6—9 אוונט.

זונטאג פון 10—1 בטאג.

אלע ארט אנאליזען.

פאר ארבייטסלאזע לעטשניצע־פרייזן

Dr.

Wajnberg

ספעצ. פון לונגען, הערץ און סקלעראז־קראנקהייטען

וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145

טעל. 126-02.

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4, 8—9 אוו.

וויכטיג פאר דער לאדזשער בעפעלקערונג

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז איז ערעפענט געווארען דאס

אמבולאטאריום

ביים פעראיין „עזרת עניים"

נאדלודקא 8, טעל. 153-99

וואו ס'ווערט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפ'ן ארט פון 9 פריה ביז 7 אוו.

שיקט ארויס דאקטוירים - ספעציאליסטען מיט וויזיטען אהיים

ווי אויך דענטיסטישע הילף

זשמשיקעס אין דער אמבולאטאריע און אויסער דער אמבולאטאריע פאר א מינימאלען אפצאהל

נעהמט אויך אן געבורטען און אלע ארט אנאליזען. מינימאלע אפצאה־לונגען.

די פערוואלטונג.

שלאסעריי־ארבייטען,

ווי אויך אויטאגענישע שוויסונגען, מעטאל־בעארבעטונגען, מא־שינען־טיילען

פיהרט אויס בילוג

J. REDER, Łódź

קאנסטאנטינער 11/13

דעם טיפסטען ביילייד־מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חשובן פערוואלטונגס־מיטגליד ה' ליפא ביין צוליב'ן טויט פון זיין מוטער

נ"ע שרה רבקה ביין

והמקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג פון די חברה נושאי המטה וגמילת חסדים

פה לאדז, על. וואלגאשטשע 3

בשם הועד יו"ר יוסף חושאנאוויטש

אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-73

נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישע פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אוו.

אויערען, נאז און האלז־קליניק

מיט בעטען פון Dr.

Z. Rakowski

פיעטריקאווער 67, טעל. 127-81

נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולא־טארישע פון 11—2 און פון 5—8 אוונט.

20000 געסט אויפ'ן מכבי-פעסטיוואל אין ניו-יארק

פראפ. איינשטיין און ניו-יארקער גובערנאטאר לעמאן רופען צו א ברייטע הילף-אקציע פאר די פליטים פון דייטשלאנד

ניו-יארק, 27 (יט"א טעלעגראפיש).
בעכטען איז פארגעקומען דער יעהרליכער מכבי פעסטיוואל, אויף וועלכען ס'זענען געווען אנוועזענד 20 טויזענד געסט. מיט רעדעס זענען ארויס געטרעטען פראפ. אלבערט איינשטיין און דער גובערנאטאר פון ניו-יארק הערבערט לעמאן. דער לעצטער האט אויפגעפאדערט די יודען צו א ברייטער הילף-אקציע פאר די פליטים פון דייטשלאנד.

נייע פולע אויסגאבע פון ד"ר טעאדאר הערצל'ס ווערק

בערלין, (י.ט.א.) דער „יודישער פערלאג" קינדיגט אן א נייע פינפבענדיגע אויסגאבע פון אלע ציוניסטישע שריפטען פון טעאדאר הערצל, וואס זאל ארייננעמען אויך די ביז-איצט נאך נישט פערעפענטליכטע אדער אין בוך פארם נישט-פערעפענטליכטע שריפטען. דער ערשטער באנד וועט ערשיינען שוין אין יאנואר 1934 און זאל ענטהאלטען פיל נייע מאטעריאלען פון ווינער הערצל-ארכיוו. די ווייטערע בענדער וועלען ערשיינען איינס נאכן אנדערן יעדע 4 ביז 6 וואכען.

מורא'דיגער שניי-פאל אין אמעריקא

לאנדאן, 27 (ספ. טעל.).
פון ניו-יארק איז מען מודיע, אז אין די פער אייניגטע שטאטען בושעוועט דינט 48 שעה שניי-זאווערוכעס. דער שניי פאלט אינ'ם גאנצען צפון מזרח-טייל פונ'ם לאנד.

אין ניו-יארק רוימען אפ דעם שניי אנ'ערך 20,000 ארבייטסלאזע.

אין שיקאגא און ניו-יארק ליגט דער שניי די טיף פון 8 צאל.

אויף דעם טייך האדסאן און אויפ'ן אטלאנטיק בושעווען אויך די שניי-זאווערוכעס. ס'איז דא א השערה, אז 30 פישער זענען אומגעקומען אין ים.

בכלל זענען פון די שניי-זאווערוכעס אומגעקומען אנ'ערך 200 מאן, וועלכע זענען פערשאטען געווארען אויף די וועגען.

באיקאט פון דייטשע פילמען

ירושלים, 27 (ספ. טעל.)
פון אלעפא איז מען מודיע, אז בעת מ'האט דארט דעמאנסטרירט א דייטשען פילם האבען די יודען, וואס זענען אנוועזענד געווען אין קינא געמאכט א שטורמישע אנטי-דייטשע-דעמאנסטראציע.

אויף א מיטינג, וואס די יודען האבען צוזאמענגערופען אין אלעפא, איז בעשלאסען געווארען צו באיקאטירען די קינא'ס, וואו ס'וועלען דעמאנסטרירט ווערען דייטשע פילמען.

ארנאלד צווייג „אונזיטליך"

בערלין, (י.ט.א.) די לעצטענס פערעפענטליכטע פון דער „דייטשער צענטראל-שטעל פאר דער בעקעמפונג פון אונזיטליכע ביכער" ענטהאלט צוו. אנד. אויך דעם בעקאנטען ראמאן פון ארנאלד צווייג „יונגע פרוי פון 1914".

—:)(:—

פון דער לאדזער בערזע

באנק פאלסקי – – – –	82.75
3 פראצענטיגע בוראוולאנע –	39.00
4 „ דאלארובקא –	49.80
7 „ סטאבילּיזאציע (אמ.)	55.88
8 „ ווארשאווער פאנד-בריף	51.50
8 „ לאדזער „ „	47.00
ענגלישער פונט – – –	29.10
דאלאר – אפיצ. 5.69, נישט אפיצ. –	5.65
גאלד-דאלאר – – – –	8.96
גאלד-רובל – – – –	4.65
דייטשער מארק – – –	2.11

נאך דער שרעקליכער באהן-קאטא-סטראפע אין פראנקרייך

פאריז, 27 (ספ. טעל.).
הייבט זענען אינ'ם שפיטאל אין לאני געשטארבען 2 קרבנות פון דער באהן-קאטאסטראפע.

פאריז, 27 (ספ. טעל.).
הייבט איז פארגעקומען די פייערליכע צערעמאניע פון ארויסשיקען די קרבנות פון דער באהן-קאטאסטראפע פונ'ם מזרח-וואקזאל. אין דער צערעמאניע האבען אנטיילגענומען דער פרעזידענט לעברון, דער פרעמיער שאטאן, די רעגירונג, דעפוטאטען, סענאטארען און דער דיפלאמאטישער קארפוס.

פראצעס פון יודען אין קאירא

געגען היטלעריזירטע „דייטשע פאראיין" אין עגיפטע

בערלין, (י.ט.א.) אין די אפיציעלע דייטשע קרייזען איז מען באאונרוהיגט איבער דעם פראצעס, וועלכען יודען אין קאירא האבען פארפיהרט געגען דעם עגיפטישען „דייטשען פאראיין", וועלכער פיהרט די ארבייט פון א היטלערישער עקספאזיטור אין עגיפטען. דער פראצעס איז פארפיהרט געווארען מחמת דער אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע פון „דייטשען פאראיין".

דער „פעלקישער בעאבאכטער" זעהט פאראויס, אז דער פראצעס וועט וועקען א גרויסע פראאינטערעסירונג אויף דער גאנצער וועלט. דער פראצעס זאל זיך אנהויבען שוין גאר אינגיכען, און דער „פעלקישער בעאבאכטער" שיקט קיין קאירא א ספעציעלען בעריכטס-ערשטאטער פון די געריכס-פערהאנדלונגען.

דער לייב-ארגאן פון דער נאצי-פארטיי טיילט דערביי מיט, אז אלס געגען=אקציע האט דער „דייטשער פאראיין" אין עגיפטען אריינגעטראגען א קאנטער-אנקלאגע געגען דער קאירער יודישער קהלה, די אנקלאגע צעהלט גאנצע 75 מאשין=בויגען און איז צוזאמענגעשטעלט געווארען דורכן דייטשען אדוואקאט ראהם.

יודיש טעאטער „פילהארמאניע" נארוטאוויטשא 20 טעל. 213-84

אויפטריטען פון

בן-ציון וויטלער

צוזאמען מיט'ן גאנצן אנסאמבל פון „פילהארמאניע". מארגן, פרייטאג, 9 אווענט

שבת, 9 אוונט-גרעסטע טעאטער=סענסאציע / דער גרעסטער שלאגער

„באנדיט-דזשענטעלמען"

סענסאציאנעלע פיעסע אין 3 אקטען פון ח. זאגראניטשני.

שבת, דעם 30-טען, 4 נאכמיטאג צו ביליגע פרייזען פון 70 גר. ביז 2.20

צום לעצטן מאל אין דעם סעזאן די וואונדערבארע מוזיקאלישע אפערעטע

„יאנקא ציגיינער"

בילעטען שוין בעקומען אין קאסע פון טעאטער.

אכטונג! ס'ווערען פערקויפט פארשטעלונגען פאר פעראיינען און מאוילטעטיגע צוועקען צו צוגענגליכע פרייזען. ווענדען זיך יעדען טאג פון 7 אווענט אין קאנצעלאריע פון יודישען טעאטער אין „פילהארמאניע"

פעסטשטעלונג

וועגן דער פעראייניגונג פון די יודישע האנדווערקער אין לאדז

(בריף אין רעדאקציע)

אין צוזאמענהאנג מיט די בריף און ארטיקלען אין אייער ווערטער ציישונג ארום דער פעראייניגונג פון די יודישע האנדווערקער אין לאדז, בעט איך אייך פאר דער עפענטליכקייט געבען פאלגענדע פעסטשטעלונג.

דעם פאריגען חודש האט דער צענטראלער יודישער האנדווערקער=פערבאנד אין פוילען, איבערגעשיקט דעם האנדווערקער-פעראיין פאלודנ. 4, א בריף, אז וועגען דער פעראייניגונג זאל זיך פאלודניאווא 4 ווענדען צו מיר, אלס וויצע-פרעזעס פון דער צענטראלע אין פוילען. און אלס פרעזעס פון דער לאדזער האנדווערקער-עקספאזיטור פון פאלודניאווא 4 האט זיך צו מיר קיינער נישט געווענדעט. און ווען איך האב באלד נאך מיין קראנקהייט, איינגעלאדענט א פארשטעהער פון פאלודניאווא 4 אויף א פריוואט-געשפרעך, וועגען דער פעראייניגונג, און דער דאזיגער פארשטעהער האט מיר פייערליך פערזיכערט, אז איך וועל בעקומען פון זיי א שריפטליכען ענטפער, איז טראץ דעם אלעם האב איך נאך ביז'ן איצטיגען מאמענט קיין שום ענטפער פון פאלודניאווא 4 נישט דערהאלטען, וואס איך גיב עס צו וויסען דער יודישער האנטווערקער-עפענטליכקייט אין לאדז.

דאנקענדיג אייך פארן געבען פלאץ פאר דער דאזיגער פעסטשטעלונג צייכן איך

מיט דרך-ארץ

י. וויצמאן

וויצע-פרעזעס פון צענטראלען יודישען האנדווערקער-פערבאנד אין פוילען און פרעזעס פון דער לאדזער האנדווערקער עקספאזיטור

פון דער התאחדות-קאנפערענץ אין ווארשא

ווארשא, 27 (טעלעפאניש).
אין לעצטען טאג פון דער קאנפערענץ פון דער ציוניסטישער ארבייטס-פארטיי „התאחדות" אין פוילען זענען פארגעקומען די וויכטיגע דעבאטען איבער די הויפט-רעפעראטען. אין דער דיסקוסיע האבען אנטיילגענומען איבער 40 דעלעגאטען פון דער פראווינץ, דערונטער די לאדזער דעלעגאטען: ד"ר ז. עלענבערג, איבוש. פ. ליבהאבער, ד"ר ח. בערלאס, ז. ווינער. ג. ליכטענשטיין, מ. ראסין, מ. שטראסבערג. אין צענטראל-קאמיטעט זענען געוועהלט געווארען: אדוו. א. לעווינסאן, ביאלאפאלסקי, ישעיהו פרישמאן פון ווארשא, ד"ר ח. בערלאס, יוסף לעווי, א. הדס פון לאדז און ד"ר ב. לערכענפעלד פון קראקע. אין פארטיי-ראט זענען אויסגעוועהלט געווארען 42 חברים, דערונטער פון לאדז: די דעלעגאטען: ג. ליכטענשטיין, און מ. ראסין. אין דער רעוויז.-קאמיסיע פון צענטראל-קאמ. איז אריין פון לאדז ז. ווינער. אין פארטיי געריכט די דעלעגאטען פון לאדז איבוש. פ. ליבהאבער און פראפ. ברעטהאלץ.

די עקזאמענס פאר לערער פון יודישע רעליגיע

ווארשא (יט"א) די מלוכה'שע עקזאמינאציאנס-קאמיסיע ביים אינסטיטוט פון יודאאיסטישע וויסענשאפטען אין ווארשא פאר לעהרער פון יודישע רעליגיע אין מיטעל-שולען און לעהרער סעמינארען טיילט מיט, אז די נאהענטסטע עקזאמינאציאנס-סעסיע וועט פארקומען אין יוני 1934.

קאנדידאטען, וועלכע האבען בדעה צוצושטעלען צו די עקזאמענס אין דעם טערמין דארפען אין דער נאהענטסטער צייט אריינטראגען אין סעקרעטאריאט פון דער קאמיסיע ביטעז מיט אלע נויטיגע דאקומענטען, ווי אויך דעם עקזאמינאציאנס-אפצאהל אין דער הויך פון 100 זל. גלייכצייטיג דארפען די קאנדידאטען בעצאגען, פון וועלכע געביטען (תנ"ך, תלמוד, פילאזאפיע און געשיכטע) ווילען זיי בעקומען טעמעס פאר די געפאדערטע היים-ארבייטען.

דער רעגולאמין פון דער קאמיסיע צוזאמען מיט'ן געצוליעם פראגראם קען מען בעקומען אין סעקרעטאריאט פון אינסטיטוט נאכ'ן צושיקען פאסט מארקעס פאר 2,30 זל. אלע בריף און געלד-איבער ווייזונגען דארף מען שיקען לויט'ן אדרעס: אינסטיטוט פון יודאאיסטישע וויסענשאפטען פאר דער מלוכה'שער עקזאמינאציאנס-קאמיסיע, ווארשא, נא וואליפיע 3, וו. 17.

מזרח-אייראפעאישע יודען

אויסגעוויזענע פון דער פראווינץ באדען

בערלין (יט"א) אפיציעל ווערט מיטגעטיילט, אז אין משך פון די חדשים יולי-סעפטעמבער זענען פון דער פראווינץ באדען אויסגעוויזען געווארען 140 אויסלענדישע יודען, דאס רוב מזרח-אייראפעאישע. ווי עס הייסט, זאלען די אויסגעוויזענע האבען געמאכט בעמיהונגען, אז מען זאל זיי א ריינלאזען קיין פראנקרייך. היות אבער זיי האבען נישט בעקומען קיין וויזעס, זאלען זיי האבען אהן ערלויבנישען פערבליבען אין דייטשלאנד.

מאיר גראסמאן אלס גאסט אין פוילען פאר זיין אפפאר קיין א"י

ווארשא (יט"א) דעם 30. דעצעמבער קומט מאיר גראסמאן, דער פיהרער פון דער יודענשטאאטס פארטיי אויף אייניגע טעג קיין פוילען, וואו ער וועט ארויסטרעטען מיט איין עפענטליכען פאר טראג אין ווארשא וועגען דער איצטיגער פאליטישער לאגע אין א"י און וועט אפהאלטען א קאנפערענץ וועגען דער „באנק להתישבות עממית" אין ארץ ישראל.

פון פוילען פאהרט אפ ה' גראסמאן קיין ליטע, וואו עס קומט פאר אין דער צייט די לאנדעס-קאנפערענץ פון דער ליטווישער יודענשטאאטס-פארטיי צוריקקומענדיג קיין פוילען, וועט מאיר גראסמאן זיך וואהרשיינליך אויך בעטייליגען אין דער זיצונג פון די אקציאנס-קאמיטעט מיטגלידער אין קראקא.

פון פוילען פאהרט מאיר גראסמאן דירעקט קיין א"י, וואו ער וועט זיך פערנעהמען אקטיוו מיט די ארבייטען פון דער עקזעקוטיווע פון דער יודענשטאאטס-פארטיי. וועלכע האט איצט איהר זיץ אין א"י און מיט די ארבייטען פאר דער „באנק להתישבות עממית" אין ארץ-ישראל.

ראדיא-פראגראם

דאנערשטאג, ד. 28 דעצעמבער 1933

7,00 צייט-סיגנאל, 7,05 גימנאסטיק, 7,20 גראמאפאן, ידיעות, 7,40 גראמאפאן, 7,57 הויז-ווירטשאפט, 11,40 פרעסע, ידיעות, 11,57 צייט-סיגנאל, 12,05 פרעהליכע מוזיק, ידיעות, 12,38 סימפ. קאנצערט, 3,25 עקספארט, 3,30 קאמוני-קאט, 3,40 לייכטע מוזיק, 4,40 „לאכען איז גע-זונד" – רעפעראט, 4,55 גראמאפאן, 5,05 פעליע טאן, 5,20 קאנצערט, 5,50 רעפערטואר פון די טעאטערן, קאמוניקאט פון לאדז, 6,00 רעפעראט, 6,20 אודיציע, 7,05 פערשידענעס, 7,25 רע-פעראט, 7,40 ספארט, ידיעות, 8,00 קאנצערט, 9,00 פאסט-קאסטעל, 9,15 קאנצערט, 10,00 גרא-מאפאן, 10,20 קאמוניקאטען, ידיעות, 11,25 טאנץ-מוזיק.

* * *

פון אויסלאנד

7,30 בודאפעשט – אפערע פון אפענבאך, 8,30 מינכען – „די פרעהליכע אלמנה" – אפע-רעטקע, 10,35 דאווענטרי – קאנצערט.

Dr.

Wołkowyski

4 ציגעל=גאס 4, טעל. 216-90

נעהמט אן אין הויט- און ווענערישע קראנקהייטען, מענער=שוואכע

אויפנעהמס-שעה'ן פון 8–1 מיטאג און 5–9 אווענ.

Dr. med.

L. Berman

צעגעלניאנא 15, טעל. 149-07

ספעציאל-ארצט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקהייטען, מענער-שוואכע-בעהאנד-לונג און מעטאדע בעראטונג.

עלעקטראבעהאנדלונג.

נעמט אן פון 8–11 און 4–8 אוו. זונטאג פון 9–1 בייטאג

פאר אונבעמיטעלטע – לעטשניצע-פרייזען

לאדז, 28 דעצעמבער 1933

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז 28 דעצעמבער 1933

די אקציע פאר די דייטשע פליטים

וועלכע איז אונטערגענומען געווארן דורך דעם געשאפענעם הויך-קאמיסאריאט

פראנצויזישער פערטרעטער, סענאטאר בערענזשער וועגן דער אקציע

אין „פאריזער טאגעבלאט" וועלכער ווערט איצט ארויסגעגעבן דורך דעם פערטריבענעם רעדאקטאר פון דער „פאסישער צייטונג" פראפ. בערנהארד — געפינען מיר פאלגענדען ארטיקעל פון פראנצויזישען סענאטאר בערענזשער, וועלכער איז דער פערטרעטער פון פראנקרייך ביים פעלקער-בונד-קאמיסאר פאר די ענינים פון די דייטשע פליטים.

די ערשטע זיצונג פון פערוואלטונגס-ראט ביים הויך-קאמיסאר פאר די ענינים פון דייטשע פליטים — יודישע און נישט יודישע, איז פארגעקומען אין לאזאן.

זעכצען רעגירונגען, וועלכע זענען צוליב פערשידענע סיבות, אינטערעסירט אין דער לעזונג פון דאזיגען סאציאלען און ווירטשאפטליכען פראבלעם, האבען אנטיילגענומען אין דער קאנפערענץ.

דאס פראבלעם ווערט בעשווערט דערמיט, ווייל די אויסוואנדערונג פון די דייטשע פליטים האלט אין איין וואקסען און קען קוים קאנטראלירט ווערען דורך די שכנותדיגע לענדער: האלאנד, בעלגיען, פראנקרייך, סאר-געביט, שווייץ, טשעכיען און פוילען. ס'קומען פרייוויליגע אויטוואנדערער און פערטריבענע. היינט צו טאג געפינען זיך נאך אין דייטשלאנד 500,000 יודען, טיילווייז אין די קאנצענטראציע-לאגערען, טיילווייז אין דער אונערטרעגליכער לאגע פון א פראוויזאריום. די דאזיגע טראגעדיע אינטערעסירט נישט נאר איירארפא, נאר אויך אמעריקא.

ביז איצט האט פראנקרייך אויפגענומען דעם הויפט-טייל פון דעם צושטראם. מעהר ווי 30 טויזענד פערזאנען, וועלכע זענען איבערגעגאנגען די גרעניצען מיט די גרעסטע שוועריגקייטען, האט פראנקרייך געגעבן די גאסטפריינדשאפט און אזיל-רעכט אין אזוי ארום האט דאס לאנד ערפילט די פליכט, וועלכע איז נאטירליך לויט אונזער פערגאנגענהייט, דורך דעם קריסטענטום, און דורך דער ערינערונג פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע.

גרויסע פריוואטע ארגאניזאציעס ווי „דער נאציאנאלער קאמיטעט צו העלפען די פליטים פון דייטשלאנד". און וועמענס שפיץ איך שטעה נאך דעם טויט פון פענלעווע, און וועלכער ווערט פראקטיש אנגעפיהרט דורך באראן ראבערט ראטשילד, דאן די „אליאנס איזראעליט", וועלכע ווערט אנגעפיהרט דורך דעם גרויסראבינער לעווי און אנדערע, האבען זיך אנגענומען די עוולה פון די פליטים און מעהר ווי 20 טויזענד פון די ארימע און פערטריבענע אהן אונטערשיד פון ראסע און רעליגיע זענען געווארען איינגעארדענט און געפלעגט.

די דערמאהנטע ארגאניזאציעס האבען אין פערלויף פון עטליכע חדשים געזאמעלט מעהר ווי אכט מיליאן פראנק און דאס געלד פערטיילט. די ארגאניזאציעס האבען געארבייט אין ענגער פערבינדונג מיט דער פראנצויזישער רעגירונג, וועלכע האט געשטעלט צו דיספאזיציע צייטווייליגע וואוינונגען און ס'איז געזארגט געווארען פאר ארבייט מיט דער הילף פון די מיניסטעריומס פאר אינערן, ארבייט, קריג און קאלאניאלע ענינים.

דאס אויסערן-מיניסטעריום האט געהאלפען די ארגאניזאציעס ביים שאפען פעסער און אויפענטהאלט-ערלויבנישען פאר די פליטים.

פראנקרייך האט נישט געמאכט קיין אונטערשיד צווישען יודען און נישט יודען. די פראנצויזישע רעגירונג האט נאר געהאט פאר זיך דעם אויפבוי-ציל פאר די היימלאזע. 500 פאמיליעס זענען אויף דעם אופן געקומען צו ארבייט און רוה, נישט צעהלענדיג די טויזענדער, וועלכע האבען בעקומען נייעם לעבענסמוט און נייע ארבייטס-קראפט און זענען אפגעצויגען געווארען פון די זעלבסטמארדען, וועלכע זייערע לאנדסלייט אין דייטשלאנד האבען נישט אויסגעמיטען.

פראנקרייך האט נישט קיין גרונד צו בעדויערען איהר גאסטפריינדשאפט, אבער זי מוז זיך רעכענען מיט איהרע כוחות. די פליטים, וועלכע פראנקרייך האט אויפגענומען, דארפען פערטיילט ווערען אויך אויף אנדערע לענדער, וועלכע זענען געאייגענטער צוליב זייער געאגראפישער און ווירטשאפטליכער לאגע.

לײדער איז דאס נאך נישט געשעהען. ביז איצט האט נאך קאנאדא, אמעריקא, בראזיל, ארגענטינא און אורוגוואי גארנישט געטון זייער פליכט, בנוגע די פערטריבענע מענשען פון היטלער-רייך. אזוי קען עס ווייטער נישט געהען און דאס האט בעוויזען די עקזיסטענץ-בערעכטיגונג פון דער קאנפערענץ אין לאזאן. דער ציל פון די פערטרעטער פון זעכצעהן מלוכות אין לאזאן איז געווען אנצורעגען די פריוואטע און מלוכהשע אויטאריטעטע קרייזען אין אמעריקא, אז זיי זאלען מיטטראגען די לאסט, וועלכע ס'טראגט ביז איצט נאר איירארפא. דעריבער האבען מיר זיך איינשטימיג ארויסגעזאגט פאר דעם שאפען פון א הויך-קאמיסאריאט פאר די ענינים פון די פליטים. אמעריקא געהער אויך דערצו און מוז אויך זארגען פאר דער שאפונג פון די נויטיגע געלד-מיטלען. דאס שטימט אויך מיט'ן בעשלוס פון דער פעלקער-בונד-סעסיע אין אקטאבער. ס'מוז דערביי דערמאהנט ווערען, אז די גרויסע יודישע ארגאניזאציע „דזשאינט" האט שוין בעשטעלט צו דעם צוועק צו דער דיספאזיציע פון איירארפא 1 און א פירטעל מיליאן פראנק און וועט נאך שטעלען פונקט אזא סומע צו דער דיספאזיציע פאר די ווייטערדיגע אויסגאבען.

די זיצונג פון לאזאן איז געווען זעהר פרוכטבאר, דער הויך-קאמיסאר דזשעמס מאקדאנאלד, וועלכער איז גוט בעקאנט מיט זיין פריהערדיגער טעטיגקייט, גיט די זיכערקייט פון א פרוכטבארער ארבייט. ס'איז בעשלאסען געווארען, אז מען מוז האבען א סומע פון 10 מיליאן דאלאר, כדי מעגליך צו קענען פערלייכטערן דעם גורל פון די פליטים. קיין בודזשעט האט מען נישט געקענט צוזאמענשטעלען צוליב די נישט זיכערע הכנסות און הוצאות. דאך איז אזא פראוויזארישער בודזשעט צוזאמענגעשטעלט געווארען, די אויסגאבען מוזען איצט געדעקט ווערען איינציג און אליין פון פריוואטע זאמלונגען.

די ריכטליניען פאר דעם הויך-קאמיסאריאט זענען פעסטגעשטעלט געווארען אויף פאלגענדען אופן: 1) דאס שאפען פון אינטערנאציאנאלע פעסער פאר די פליטים, וועלכע זאל זיי מעגליך מאכען זיך פריי צו בעוועגען פון איין לאנד אין צווייטען. 2) שאפען אן ארגאניזאציע צו פערטיילען די פליטים און שאפען פאר זיי ארבייטס-פלעצער לויט זייער פאך. 3) זאמלען פריוואטע געלד מיטלען אדורכצופיהרען א גרויסע הילפס-אקציע. 4) איינשטעלען א צוזאמענארבייט מיט די בעזונדערע מלוכות, כדי צו קענען ווי אמגיכסטען אדורכפיהרען דעם דערמאהנטען פראגראם. דער הויך-קאמיסאר האט אויף דער לעצטער זיצונג צוגעזאגט דעם פראגראם אדורכצופיהרען.

סטאלין וועט פראקלאמירען דעם

צווייטען פינף-יאהר-פלאן

אויפ'ן 17-טען פארטיי-קאנגרעס אין מאסקווא

דעם 25. יאנואר, גענוי אין דעם טאג ווען מיט צעהן יאהר צוריק האט מען איבערגעפיהרט לענינס טויטען קערפער פון הארף גארקי קיין מאסקווע — וועט געעפענט ווערען דער 17-טער קאנגרעס פון דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי.

ס'האנדעלט זיך נישט דא וועגען א געוועהנליכען קאנגרעס פון דעמאקראטישע פארטייען, וואו מ'זאל קענען דיסקוטירען און אויסזאגען מיינונגען, נאר וועגען א קאנגרעס פון רעפרעזענטאציע, פון ארויסגעגעבענע לאזונגען און אנצייכענען די פארטיי-ליניע, דער גענעראל-סעקרעטאר סטאלין וועט פערזענליך קומענצירען קאנגרעס און וועט ארויסטרעטען מיט א גרויסער רעדע וועגען פראגראם און די באהענטסטע אויפגאבען פון סאוויעט רוסלאנד.

זייט זומער 1930 איז נישט פארגעקומען קיין קאנגרעס פון די רוסישע קאמוניסטען, דאס איז געווען דערפאר, ווייל סטאלין און זיינע מיטארבייטער האבען געהאט צו בעקעמפען שוועריגקייטען אין דער פארטיי גופא און אויך אין מלוכה-אפאראט, און ס'איז נישט געווען ענטשפרעכענד די צייט פאר א דעקאראטיווען קאנגרעס.

אין געגענזאץ צו דער עקאנאמישער לאגע פון די קאפיטאליסטישע מלוכות, האט זיך די ווירטשאפטליכע לאגע פון סאוויעט-רוסלאנד געבעסערט. די פינף-יאהר-פלאן-בעפעלקערונג האט צום ערשטע מאל איהר פליכט ערפילט און געליפערט צוואנציג מיליאן טאן תבואה פאר דער מלוכה, אזוי אז דער הונגער-געפאהר, וועלכער האט כסדר געדראהט דאס לאנד איז בעזייטיגט געווארען, די פארטיי-פיהרונג איז דעריבער אין דער מיינונג, אז די קאלעקטיוויזירונג פון דער לאנדווירטשאפט וועט איצט אדורכגעפיהרט נאך אזעלכע גרויסע אנשטרענגונגען, קאמפען, בלוט און שמערצען.

ס'לאזען זיך איצט מעהר אדורכזעהן די רעזולטאטען פון פריהלינגס-פלאן, פון דעם זעלבסט אויסקום און דער אינדוסטריאליזירונג, ווי אין די פריהערדיגע יאהרען. די נויטווענדיגקייט זיך מיליטעריש צו פערשטארקען וועט הייבט אין רוסלאנד איבערגעזעהן צוליב דער שפאנונג אין די יאפאניש-רוסישע בעציהונגען און דער פאשיזירונג פון א טייל איירארפא, די פארטיי קען איצט אנווייזען אויף די סאוויעטישע ערפאלגען און דער אויסערל פאליטיק און קודם-כל דעם אפמאך מיט אמעריקא.

די אינערליכע פארטיי לאגע האט זיך דיס דעם יאהר 1930 אויך שטארק געענדערט, כאטש א רעכטער אדער לינקער אפאזיציע, וועלכע זאל זיין געפעהרליך פאר סטאלינען, קען מען אפילו נישט רעדען, דער סיסטעם פון דער פארטיי-קאנטראלע, איז נישט קוקענדיג דערויף נישט געמילדערט געווארען, ס'איז פארגעקומען א „טשיסטקא" באך וועלכער נאר אין לענינגראד זענען אויסגעשלאסען געווארען 12 פראצענט מיטגלידער פון דער קאמוניסטישער ארגאניזאציע, ס'האנדעלט זיך דא וועגען אפאזיציאניסטען פון איין זייט און פון דער אנדערער זייט וועגען קארריערע-מאכערס.

איצט וועט סטאלין אויף דעם 17-טען פארטיי-קאנגרעס דעם 25 יאנואר קענען פייערען טריומפען, דער דיקטאטאר, וועלכער האט דעם בעשיידענעם טיטעל פון גענעראל-סעקרעטאר, וועט קענען אונטערן יובעל פון זיינע אנהענגער פראקלאמירען דעם צווייטען פינף-יאהר פלאן.

אין 20 יאהר ארום וועט ארץ-ישראל

זיין א נייע וועלט

צו וועלכער ס'וועלען שטרעבען די פעלקער פון מערב

כאראקטעריסטישער ארטיקעל אין אן אפיציעלען פראנצויזישען ארגאן

אין ביירוט גופא ארויס א פראנצויזישע צייטונג „סיריען", וועלכער איז אן אפיציעלער ארגאן פון דער פראנצויזישער רעגירונג אין איינעם פון די לעצטע נומערען פון דער דאזיגער צייטונג איז אפגעדרוקט א זעהר כאראקטעריסטישער ארטיקעל פון א הויכען פראנצויזישען בעאמטען, וועגען פאלעסטינא, אט וואס דער דאזיגער הויכער בעאמטער שרייבט:

„איך בין נאר וואס צוריקגעקומען פון פאלעסטינא, יודען — איך אכט איך און ווייס איך ווי אפצושאצען, איהר האט געגעבען א העכליכע און פראכטפולע לעקציע פון מענשליכקייט:

אין כאאס פון שנאה און מלחמה האט איהר אויפגעפיהרט שטאלץ, דרייסטקייט פון לעבען און שאפען, נאר איהר יודען פאסט זיך צו צום פריגציפ פון „ואהבת לרעך כמוך", נישט-יודען דארפען זיך פון אייך לערנען.

די הייליגע ערטער אין פאלעסטינא קריסטוס קבר, דער אמאר-מעטשעט און די „כותל מערבי" — האבען אויף מיר נישט געמאכט קיין שום איינדרוק, האבען נישט ערוועקט אין מיר קיין געפיהל פון גלויבען, פון רעליגיעזען גלויבען, נאר די יודען, וועלכע זענען געקומען פון אלע פיר עקען וועלט, כדי צו בויען און אויפלעבען א לאנד, וואס מעגס עקשנות און פערשטאנד מאכען פון מדבריות בליהענדע גערטנער, פון שטיינערנע בערג — תבואה-פעלדער — די האבען ערוועקט אין מיר א גלויבען אין דער מענשהייט, ליכט איז צו ווירקען אויף מענשען דורך ווערטער, דורך מעשים איז עס פיל שווערער, אבער פיל שענער, די קאלאניעס „כפר גלעדי", ראש פינה, פתח תקוה, מגדיאל, בנימינה, די שטעט תל אביב און חיפה — דאס זענען נישט קיין פאנטאזיעס, נישט קיין פאעטישע פאנטאזיעס, דאס זענען בעווייזען פון דער מענשליכער עקזיסטענץ אויף דער ערד, א אין די צייטען, ווען די מענשען איז דער הערשענדער איבער גאנצער וועלט.

דער מחבר פון ארטיקעל ווענדעט זיך דאן צו די אראבער:

איהר בעדואינער פון הערדשאס, אראביען, סיריען און איראק — אייער ערד איז א מדבר, אייער ערד איז א חורבה צוליב אייער גלייכגילטיגקייט. ואמר בעדעקט אייערע געצעלטען, די ערד עלטערט זיך צו אזעמען מיט אייך, יודען מאניפעסטירען נישט, נאר זייערע מעשים זענען א מאניפעסטאציע, אז די זעלבען מענשען, אז אייער פערשידענע ראסען עקזיסטירט איינע, די ערשטע די העכסטע: די מענשליכע ראסע. דאס וואס איז געשאפען געווארען אין פאלעסטינא איז די העכליכסטע מענשליכע מאניפעסטאציע, די אינטערנאציאנאלע אויסשטעלונג זענען צייטווייליגע די אינטערנאציאנאלע אויסשטעלונג אין פאלעסטינא איז א לעבעדיגע, דויערהאפטע און אביביגע, די יודען האבען געבראכט אויף פערשידענע שפראכען, הייבט האבען די אויפגעלעבט איין שפראך — זייער אלטע שפראך..

אין 20 יאהר ארום, אדער אפשר באלד פריהער וועט פאלעסטינא, וועלכע איז געווען דאס וויגעלע פון דעם עלטסטען פאלק — זיין א נייע וועלט, צו וועלכער ס'וועלען שטרעבען די פעלקער פון מערב פול מיט בעוואונדערונג און נייגיריגקייט, כדי צו שעפען פון זיינע קוועלען, פון די קוועלען פון קונסט, ליכט און ברכה. אבער 20 יאהר אין ירושלים, די פעלקער דארפען נישט קוקען און שמייכלען...

אזא שטים האט זיך בעוויזען אין א סירישער צייטונג, אין אפיציעלען ארגאן פון דער פראנצויזישער רעגירונג, וועלכע געהט ארויס אין דער אראבישער שפראך..

גריכישע רעגירונג גרייט איינצולאזען דייטשע יודען

אויף אינדיווידועלע ווענדונגען

אטען (יט"א) איינגע פיהרענדע פערזענליכקייטען האבען זיך געהאט געווענדעט צו דער גריכישער רעגירונג אין דער פראגע וועגען ערלויבען יודישע פליטים פון דייטשלאנד צו בעזעצען זיך אין גריכענלאנד. אין רעזולטאט פון די אבגעהאלטענע בעשפרעכונגען מאכט איצט די גריכישע רעגירונג בעקאנט, דאס הגם עס קען צוליב די ווירטשאפטליכע פערהעלטנישען, נישט זיין קיין רייד וועגען א מאסען-איינוואנדערונג פון דייטשע יודען קיין גריכענלאנד, איז אבער די רעגירונג גרייט זיך בעטראכטען מיט דער גרעסטער סימפאטיע אינדיווידועלע ווענדונגען וועגען בעזעצען זיך אין גריכענלאנד.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער רעבּעז

נייער פאלקסבלאט

דאנערשטאג 28 ד' טבת תרצ"ד

דעצעמבער

זון-אויפגאנג 7.42

זון-אונטערגאנג 3.25

פאטער= און ברודער-מערדער איז לאדז

אנ'אורלאפּירטער זעלנער דערשטעכט מיט זיין באגנעט זיין פאטער און ברודער

(2) אויף פּושענדזעלניאנא 3 איז נעכטען פארגעקומען א שרעקליכער פערברעכען, וועלכעס איז אויסגעפיהרט געווארען דורך אנ'אורלויפּירטער זעלנער טאדעאוש אויגוסטינסקי. טאדעאוש האט מיט א באגנעט דערהרגעט זיין פאטער און ברודער און איז ענטלאפען.

די פּרטים פון דער טראגעדיע זענען פאלגענדע:

אין דערמאהנטען הויז וואוינט די פאמיליע אויגוסטינסקי וואס בעשטעהט פון א פאטער א מוטער און צוויי זוהן טשעסלאוו און טאדעאוש.

דער יונגערער טאדעאוש האט זיך געגומען א כלה, וואס האט נישט נושא חן געווען ביי דעם פאטער ראמאן און ביי דעם עלטערען ברודער טשעסלאוו. זיי האבען געהאלטען, אז טאדעאושעס כלה זאפיא קארטשעווסקא האט צו ווייניג געלד, צוליב דעם ועגען ביי די אויגוסטינסקיס פארגעקומען אפטע שטארקע מחלוקת, ביז טאדעאוש איז מיט עטליכע חדשים צוריק אוועק אין מיליטער. פאר זיין אוועקפאהרען אין מיליטער, האט טאדעאוש געבעטען זיין ברודער און שוועסטער, אז זיי זאלען אנערקענען זיין כלה אלס זייער משפחה-מיטגליד.

אויגוסטינסקי האט אבער נישט אזוי געטון, טאדעאושעס כלה איז אין דער אפוועזענהייט פון איהר חתן שיקאנירט געווארען אויף יעדען טריט, מ'האט איהר דא אנגעטון געברענטע צרות.

אויף די הגאות איז טאדעאוש אהיימגעקומען אויף אורלויב. ער האט זיך דערוואוסט פון זיין כלה, ווי אזוי זי איז דא בעהאנדעלט געווארען דורך זיין פאטער און ברודער און איז אנ'אויפגערעגטער אוועק א היים. דארט האט זיך אנגעהויבען א מחלוקה און אין דער גרעסטער אויפרעגונג האט טאדעאוש מיט זיין באגנעט ארייגעשטאכען דעם פאטער אין די לונגען און דעם ברודער אין הארץ אריין.

פון די געשרייען זענען אנגעקומען די שכנים, וועלכע האבען ארויסגערופען די פאגאטאוויע און פאליציי. ביידע שווער פערוואונדעטע זענען אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל, ס'איז נישט פערהאן קיין שום האפנונג זיי צו דערהאלטען ביים לעבען. טאדעאוש איז ענטלאפען, פאליציי זוכט דעם פאטער און ברודער-מערדער.

ארעסטירט דריי דארפישע באנדיטן

וועלכע האבען אויסגעפיהרט בלוטיגע רויב-אנפאלען איז די דערפער

(2) דעם 7 דעצעמבער איז אויסגעפיהרט געווארען א רויב-אנפאל אין דארף פּאסקאוויץ, געגנט וועלכע ס'איז שווער פערוואונדעט געווארען דער לאנדווירט יוזעף וויטקאווסקי.

דעם 12 דעצעמבער איז ווידער אויסגעפיהרט געווארען א באנדיטען-אנפאל אין דארף קראסנא, לענטשיצער פאוויאט, בעת דעם האט זענען בלוטיגע אנפאל זענען שווער פערוואונדעט געווארען דער לאנדווירט בלאדשעי קאבאלקא און זיין 18-יעריגער זוהן איגנאצי. די לאדזער וואיעוואדשאפט פאליציי האט פעסטגעשטעלט, אז ביידע אנפאלען זענען אויסגעפיהרט געווארען דורך דערזעלבער באנדע, ס'איז אדורכגעפיהרט געווארען אנ'אבלאווע און בעטען האט זיך איינגעגעבען די באנדיטען צו ארעסטירען דאס זענען: דער 27-יעהריגער אר באלד פוקס פון דארף בלאטא, דער 29-יעהריגער גוסטאוו יענטשקע און דער 29-יעהריגער גאטליב שמיט. ביי די באנדיטען האט מען געפונען רעוואלווערען, מיט וועלכע זיי האבען געשאסען בעת די אנפאלען זיי זענען איינגעזעצט געווארען אין טורמע.

פערטשאדעט

(2) אויף 11 ליסטאפאד 10 איז פערטשאדעט געווארען פון א שלאכט-איינגעהייצטן אויווען, די 70-יעהריגע פריידע ראזענבלום.

די ארויסגערופענע פאגאטאוויע האט די פערטשאדעטע פרוי אבגעפיהרט אין שפיטאל.

(2) אויף אל. קאשטשושקי 57 איז פערטשאדעט געווארען אויף טויט, דער ארבייטער באלעסלאוו באנאשעק. דער ארויסגערופענער דאקטאר האט קאנסטאטירט דעם טויט.

זעלבסטמארדען

(2) אויף בזשעזשינער 152 האט זיך איינגעשניטען דעם האלז, מיט א בריטווע, דער 26-יעהריגער יאן קאריק אין א שווערען צושטאנד האט פאגאטאוויע אפגעפיהרט דעם זעלבסטמערדער אין שפיטאל.

* * *

(2) דער 36-יעהריגער בערנארד דאמאנאלסקי, פאביאניצקא 47 האט זיך אויפגעהאנגען אין זיין אייגענער וואוינונג.

Varieteé-Dancing

TABARIN

Narutowicza 20.

יו"ט'דיגער פראגראם פון אטראקציעס

4 BRAUN

4 FERNANDO

3 HARRYS

LEO SPARI

ווי אויך דער אויסגעצייכענטער ארקעסטער

„The Weinroth Band"

מעגליך פון 5–8 „Five" קאנסומציע 80 גר.

ארטיסטישע אויפטריטען 10 א זייגער.

קאבארעט-דאנסינג

מיר לאדען אייך איין אויף די פרייליכסטע

סילוועסטער-נאכט

אין „טאבארין"!

א ים פון איבערראשונגען!

מ'בעט צו רעזערווירען טישלעך.

ד"ר העלער

ספעצ. פאר הויט און ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע

8 טראגוטא 8, טעל. 179-89

נעמט אן פון 8–11 און פון 4–8 אווענט.

זונטאג פון 11–2 מיטאג.

פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל.

אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזן

צי מעג מען האלטען אין א געוועלב

פאפיראסען פון אייגענער אויסארבייטונג

פרינציפּיעלער אורטייל אין לאדזער קרייז-געריכט

נעכטען איז אין היגען קרייז-געריכט פארגעקומען א כאראקטעריסטישער פראצעס. דער אורטייל אין דאזיגען פראצעס האט א פּרינציפּיעלע בעדייטונג.

אויף דער בעשולדיגונגס-באנק איז געזעסען קאזשימיעזש דיאטשינסקי, א בעזיצער פון א קאלאניאל-געוועלב אויף טאקאושעווסקיעגא 21. דער אקציז-אמט האט איהם אנגעקלאגט, אז דיאטשינסקי האט פערקויפט אין זיין געוועלב פאפיראסען פון אייגענער אויסארבייטונג. בעת דער רעוויזיע האט מען ביי דיאטשינסקי'ן געפונען א געוויסע צאהל די דאזיגע פאפיראסען.

דיאטשינסקי האט זיך נישט מודה געווען אין דער שולד און ערקלערט, אז די פאפיראסען האט ער געהאט פאר'ן אייגענעם געברויך.

דאס געריכט האט דעם בעשולדיגטען טרייגעשפראכען. די מאטיוון זענען די, אז דאס וואס דיאטשינסקי האט די פאפיראסען געהאלטען אין געוועלב, הייסט נאך נישט, אז ער האט זיי פערקויפט און אז דער בעשולדיגטער האט זיך פראפעסיאנעל בעשעפטיגט מיט פערקויפען פאפיראסען פון אייגענער אויסארבייטונג.

64-יעהריגער בעל-עבירה'ניק

וויל פערגוואלדיגען א יונג מיידעל

(א) אין הויז אויף פשעיאזד 62 איז פארגעקומען א נישט געוועהנליכער פאל. דער 64-יעהריגער פּיאטר פריי איז 1 א זייגער ביינאכט בעפאלען זיין 22-יעהריגע קוזינקע אנטאנינא און זי געוואלט פערגוואלדיגען. ווען דאס מיידעל האט איהם נישט צוגעלאזט צו זיך, האט דער אלטער בעל-עבירה'ניק זי שטארק צושלאגען. אויפן געשריי פון דעם מיידעל זענען אנגעקומען די שכנים. פריי איז ארעסטירט געווארען. דער צושלאגענער האט ערטיילט הילף די פאגאטאוויע.

שווערער אומגליקספאל מיט א יודישען מויערער אין זקנים-הויז

נאך 3 טעג יסורים איז ער נעכטען געשטארבען

פערגאנגענעם זונטאג, איז דער יודישער מויערער, ישעיה צווערן 39 יאהר אלט, געווען בעשעפטיגט אין דער בוי פון „בית מחסה לזקנים" (פאמארסקא 54), ווען ער האט זיך געפונען אויף דער לייטער, האט ער פלוצלינג פערלוירען דאס גלייכגעוויכט און אראפגעפאלען אזוי אומגליקליך, אז ער האט בעקומען א מוח-דערשיטערונג. אין א שווערען צושטאנד איז ער אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל אויף דרעוונאווסקא גאס. און נעכטען איגדערפריה איז צווערן געשטארבען.

גימנאסטישע איבונגען פאר ארביי= טערינס אין די פאבריקען

פעראָרדנונג פון מלוכהשען אמט פאר פיזישער ערציהונג

(2) אין צוזאמענהאנג מיט דער וויזיט פון דער אינספעקטארין מיעדזשינסקא אין לאדז, האט דער מלוכהשער אמט פאר פיזישער ערציהונג און מיליטערישער צוגרייטונג, אין פערשטענדיגונג מיטן ארבייטס-מיניסטעריום — צוגעשיקט דעם קרייז-ארבייטס=אינספעקטאריאט א פעראָרדנונג וועגען פיהרען אנ'אקציע פון פיזישער ערציהונג פאר די בעשעפטיגטע אין דער לאדזער אינדוסטריע.

לויט דער דאזיגער פעראָרדנונג וועלען פאבריקען דארפען איינפיהרען פיזישע איבונגען פאר די ארבייטערינס אין זייערע פאבריקען. אינסטרוקטארען וועט צושיקען דער אמט פאר פיזישער ערציהונג. מ'דארף שטרעבען יעדען טאג צו מאכען איבעררייסען בעת דער ארבייט און אדורכפיהרען פיזישע איבונגען, אויב דאס איז נישט מעגליך דארף מען ווייניגסטענס 2 מאל אין דער וואך בעפרייען די ארבייטערינס מיט א שעה פריהער פון דער ארבייט, כדי די ארבייטערינס זאלען קענען אדורכפיהרען פיזישע איבונגען, וועלכע זאלען זיין צוגעפאסט צו זייער ארבייט.

Dr. med.

Z. Rakowski

ספעציאליסט פאר אויערען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען

פּיעטרקאווער 67, טעל. 127-81

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7

בעהאנדעלט אויך אין לעטשניצע זגערזשער 17

פון 11—1 און פון 2—3 נאכמ.

צוגאב-פאבאר-קאמיסיע

(2) היינט, דאנערשטאג, דעם 28-טען ד. ח. פון 8 א זייגער אין דער פריה הויבט אן צו אמטירען א צוגאב-פאבאר-קאמיסיע אין לאקאל אויף פּעטריקאווער 165 פאר פ.ק.או. לאדזשטאט 2.

צו דער קאמיסיע דארפען זיך שטעלען די פאבאראוצעס פון 1912 און עלטערע, וועלכע האבען זיך צו קיין קאמיסיע נישט געשטעלט, האבען נישט רעגולירט זייער מיליטער-פליכט, וואוינען אויפן שטח פון 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13 און 14. קאמ. וועלכע האבען בעקומען נאמענטליכע אויספאדערונגען פון דער לאדזער שטאטישער סטאראסטווע.

פאבאר-רעגיסטער פון 1913

קאן מען נאכזוכען אין מיליטער-ביורא

פון 2-טען ביז'ן 15-טען יאנואר ק. י. וועט מען אין לאקאל פון דער מיליטערישער ביורא (פּעטריק. 165) קענען ארורכזעהען דעם פאבאר-רעגיסטער פון יאהרגאנג 1913.

די פערעגיסטרירטע האבען רעכט צו מאכען אויסבעסערונגען און אנווייזען אויף טעותים.

פראנצויזישע גאלאנטעריע אויפ'ן לאדזער מארק

(אג) אין דער לעצטער צייט האט זיך בעמערקט א בעדייטענדער צופלוס פון פראנצויזישע גאלאנטעריע. ווי בעוואוסט האט זיך זינט דעם חודש מערץ, צוליב דעם שליסען די גרעניצען דער אימפארט פון דער דאזיגער גאלאנטעריע שטארק פערקלענערט. און דאס האט געהאט א גוטע ווירקונג אויפ'ן אינערליכען מארק, וואו עס האט זיך ענטוויקעלט די אייגענע פראדוקציע.

לויט דער מיינונג פון די פעראינטערעסירטע ספערען איז דער פערשטארקטער אימפארט פון פראנצויזישע גאלאנטעריע נישט קיין רעזולטאט, וואס עס איז אפגעשאפט געווארען די בצגרעניצונג אויפ'ן אימפארט פון פראנקרייך, נאר צוליב די פעראיינצעלטע ערלויבנישען, וואס זענען ארויסגעגעבען געווארען אויף איינצופיהרען פארטיעס פראנצויזישע אויסארבייטונגען.

דער ראדאשיצער רבי איז לאדז

קיין לאדז איז געקומען דער ראדאשיצער רבי שליט"א, צו די חתונה פון זיין זוהן, וועלכע קומט פאר זונטאג אין ענגלישען זאל.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען: א. פאטאש (פלאץ קאשטשעלני 10), א. כארעמזא (פאמארסקא 12), ע. מילער (פּיעטרקאווער 46). מ. עפשטיין פּיעטרקאווער 225), ז. נארטשיצקי (פשעיאזד 59), י. אנטאניעוויטש (פאביאניצער 50).

שטרייקענדע ארבייטער פערמשפּט געווארען פאר טעראר

(א) אין קרייז=געריכט איז נעכטען פארגעקומען דער פראצעס געגען זעקס מעטאל=ארבייטער פון דער „ווידזעווער מאנופאקטור", וועלכע זענען בעשולדיגט געווארען אין אנווענדען טעראר אין שלאגען זייערע חברים, וועלכע האבען זיך נישט סאלידאריזירט מיט זיי בעת'ן שטרייק, וועלכער איז פארגעקומען אין אקטאבער ה. י.

5 אנגעקלאגטע ארבייטער: סלאמיאני, ביטשמאן, וואיטשיק, כמיעלעווסקי און ריכטער זענען פערמשפט געווארען אויף 3 חדשים יעדער.

אנ'אונטערגעווארפענע קינד

(2) אויף זגיערזשקא 15 האט מען נעכטען געפונען אנ'אונטערגעווארפען קינד פון א'ערך 2 חדשים אלט.

די פערברעכערישע מוטער ווערט געזוכט פון דער פאליציי.

סענסאַציאָנעלער גט = פּראָצעס פון אַ פּראָווינצער רייך פאַרפאָלק

אין פ. און אין דער אומגעגנט איז בע־קאַנט אַ געוויסער הערמאַן ע—ם. געווען איז דאָס אַן׳אַלטער בחור און אַ זעהר פאַרגרעבטער נפש, דערצו האָט ער נאָך שטאַרק אינטערעסירט פאַר פארדינען אויף אַ פוס. געווען טיף געשטיפּעלט, אָביסעל צוגעשטאַמעלט, געהאַט אַ הויכע פּלייצע און אַן׳ אויסגעריבן רעכט אויג. צו די אַלע אויסגערעכנ־טע מעלות האָט ער אָבער פאַרמאָגט אַ גרויסען טאַרטאַק מיט ריזיגע האָלץ־לאַגערן און אַ זאַק באַרעס געלד.

אַט דער דאָזיגער „צולאַג״ האָט געגעבן דעם דערמאָנטען קריפּעל אַזאַ קוראַזש, אַז ער האָט זיך געוואַגט צו וואַרפען אַן׳אויג אויף דער בת־יחידה פון דאָרטיגען דאָקטאָר, דער יונגער און רייצענד־שיינער מאַרילאַ. פאַרשטענדליך, אַז נישט מאַרילאַ און אויך נישט איהרע עלטערן האָ־בען געוואָלט אפילו הערען וועגען דעם דאָזיגען שידוך. געשעהט אָבער אַן׳אומגליק: מאַרילאַס פאָ־טער, דער דאָקטאָר, פאָהרט איינמאָל צו אַ חולה עדגיץ אין אַ ווייט פאַרוואָרפען דאָרף, פאַרקיהלט זיך אויפן וועג, קומט צוריק אַהיים אַ קראַנקער, לייגט זיך גלייך אַריין אין בעט און צו די אַכט טעג געט ער אַ שטאַרב אַוועק.

הערמאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט האָט זיך איהם אונטערגעריקט אַ גינסטיגע געלעגענהייט צו פאַרווירקליכען זיין „אידעאַל״. ער האָט גע־נומען מאַרילאַ׳ן באָמבאַרדירען מיט די טייערסטע מתנות, געמאַכט איהר די קאָסטבאַרסטע סורפּריזען. אונטערן קלאַנג פון די קלינגערס ווערט טאַקע איהר ווידערשטאַנד וואָס אַמאָל שוואַכער און שוואַכער אַזוי ווייט, אַז אין אַ געוויסען מאָמענט האָט זי בעשלאָסען מיט הערמאַנען חתונה צו האָ־בען. פאַר דער חופּה האָט ער איבערגעשריבען אויף מאַרילאַס נאָמען צוויי פון זיינע שענסטע מוירען.

די חתונה איז ענדליך פאָרגעקומען. פיל איז דעמאָלס גערעדט און אפילו געשריבען גע־וואָרען וועגן דער דאָזיגער חתונה. קנאַפּע 6 יאָהר איז שוין זייט יענער צייט אַפּגעלאָפען.

שווער צו זאָגען, וויאַזוי דאָס פאַרפאָלק האָט צווישען זיך געלעבט אין משך פון דער צייט. אַ פנים, אַז קיין אידעאַלע ליבע האָט צווישען זיי נישט געהערשט. קיינמאָל זענען זיי נישט בעגעגנט צוזאַמען. מאַרילאַ האָט ממש אויסגעמיטען די געזעלשאַפט פון הערמאַנען. ביידע צינגער האָבען אפילו געמורמעלט וועגען עפּיס אַן׳אינזשיניער אָבער גיי און דערגיי אַ טאָלק בגוגע מענשליכע פּלאַפּלערייען.

אמת איז אָבער אַט וואָס:

מיט איינינע הדשים צוריק האָט מאַרילאַ אַרפּירט געגען איהר מאַן אַ גט־פּראָצעס. די טענה איז אפילו געווען אַ גאַנץ מענשליכע. זי וואוינט שוין מיט איהם 4 יאָהר און קיין קינדער האָט זי נישט. איהר איינציגער אידעאַל איז צו ווערען אַ מוטער. אָהן אַ קינד האָט דאָס לעבען פאַר איהר קיין שום ווערט נישט. אַזוי ווי אָבער מיט איהר מאַן קאָן זי שוין נישט האָבען קיין קינדער, בעט זי אַ גט. אַלס בעווייז האָט זי פאָר־געשטעלט אַן׳אַנאַליז פון מאַנס ספּערמאַ, פון וועל־כען ס׳איז צו זעהן, אַז זי ענטהאַלט נישט קיין לעבענס־שאַפענדע עלעמענטען.

דאָס געריכט האָט בעשלאָסען צו בעשטימען עקספּערטען, וועלכע זאָלען נאָכאַמאָל דורכפיהרען אַזאַ אַנאַליז. דער ווידעראַמאָל דורכגעפיהרטער אַנאַליז האָט אויך געגעבן די זעלבע רעזולטאַטען. דאָס געריכט וואָלט אפשר, שטיצענדיג זיך אויף דער עקספּערטיזע, אַקעגנגעקומען דעם פאַרלאַנג פון מאַרילאַ׳ן. ווען נישט די פאָלגענדע איבערצייַ־גענדע אַרגומענטאַציע פון הערמאַנס אַדוואָקאַט.

אין דער נאַטור איז נישטאָ קיין אַב־סאָלוטקייט. אין ווינטער קאָן האָגלען און דונערן און אין זומער פריהרען און שנייען. אויך מיט דער פרוכטבאַרקייט פון אַ מאַנספּערזאָן איז נישט פאַראַן קיין זיכערעס. אין 99 פאַלען קאָן די ספּערמע זיין בלאַטיק. ס׳קאָן זיך אָבער אַמאָל מאַכען אַזאַ מאָמענט, ווען זי בעווייזט זיך אין אַ צושטאַנד פון פרוכטפּעהיגקייט.

ווי אויף אַ ביישפּיל איז אָנגעוויזען געוואָ־רען אויף אַ בעקאַנטען לאָדזער פאַבריקאַנט, וועל־כער האָט 15 יאָהר אָפּגעוואוינט מיט זיין פרוי און נישט געהאַט קיין קינדער. אויפן גרונט פון אַזאַ ספּערמאַ־אַנאַליז און דורכגעפיהרטער עקספּער־טיזע האָט דאָס זעלבע פ. קרייז־געריכט דערפון אַרויסגעגעבן אַ גט.

דער פאַבריקאַנט האָט אָבער די פרוי אויסער געוועהנליך געליבט און נאָך איהר שטאַרק גע־בענקט. אויך זי איז צו איהם נישט געווען גלייכ־גילטיג. זי האָט באַלד אָנגעהויבען חרטה צו בע־קומען אויפן גאַנצען גט־עסק. אַזוי ווי קיין פּאַסי־גער שידוך האָט זיך איהר אַזוי שנעל נישט גע־מאַכט. האָבען זיי נאָך אַ 2־יעהריגער צושיידונג צוריק חתונה געהאַט.

און אַט האָבענדיג שוין אין גאַנצען רעזיג־נירט פון אַ יורש איז דאָס פאַרפאָלק אָהן קוראַצ־יעס, צום יאָהר געבענטשט געוואָרען מיט אַ בן זכר, צום דריטען יאָהר מיט אַ צווייטען און צום זיבעטען יאָהר נאָך דער צווייטער חתונה מיט אַ דריטען. די קינדער זענען שוין דערוואַקסענע, די משפּחה לעבט זיך גליקליך און צופרידען.

פאַר׳ן געריכט איז פאָרגעשטעלט געוואָרען דער פּערזאָנענער גט־פּסק־דין, די אַקטען וועגען דער צווייטער חתונה, די מעטריקעס פון די דריי קינדער און כדי צו בעווייזען, אַז די קינדער שטאַמען נישט פון קיין „זייטיגער מלאכה״ זענען אויך פאַרגעשטעלט געוואָרען זייערע פאָטאָגראַפיעס און די פאָטאָגראַפיע פון פאָטער. די ענליכקייט פון די פאָרגעשטעלטע פאָטאָגראַפיעס איז געווען אַ בולטע, אַזוי: אַז מאַרילאַס בקשה איז אָפּגע־וואָרפען געוואָרען.

דער אייגענטליכער אונטערשלאַג פון פּראָצעס: דאָס וועלען גלאַט פּטור ווערען פון קריפּעל בכדי צו קענען חתונה האָבען מיט׳ן אינזשיניער איז שוין דעריבער אין גאַנצען נישט בעריהרט געוואָרען.

ארנוס.

בילדונגס־פערייַן פון טראַמוויי־אַרבייטער ליקווידירט

אויף דער פאַראָרדנונג פון לאָדזער וואָיעוואָדע

די לאָדזער סטאַראָסטווע מאַכט בעקאַנט, אַז אויף דער פאַראָרדנונג פון לאָדזער וואָיעוואָדע פון 3־טען נאָוועמבער און 20־טען דעצעמבער 1933, איז דער אויפגעלעזטער בילדונגס־פעראיין פון טראַמוואַי־אַרבייטער ליקווידירט געוואָרען. דער גאַנצער פעראיינס־פאַרמעגען איז איבערגעוויזען גע־וואָרען דעם הויז־בעזיצער פעראיין פון דער גמינע באַוואָסאָלנע, וועלכער האָט דאַן זיין אָרט אין שיקאַווע.

אַ היטלעריסטישער פילם

ווערט פון היינט אַן דעמאָנסטרירט אין אַ היגען קינאָ

דער אַנטי־היטלעריסטישער קאָמיטעט אין לאָדז מאַכט בעקאַנט, אַז דער פילם א. נ. „כ׳מוז דיך בעזיצען״ מיט יאַן קיעפּורא אין דער הויפּט־ראָל, וועלכער ווערט פון היינט אָן דעמאָנסטרירט אין אַ היגען קינאָ־טעאַטער איז פּראָדוצירט געוואָרען דורך דער בעקאַנטער היטלעריסטישער פילם־געזעלשאַפט „אופאַ״ אין בערלין און אונטערליגט דעם באָיקאָט.

„די סבות און אויסגאַנגס־וועגען פון קריזיס״

אינטערעסאַנטער רעפעראַט אין „פילהאַרמאָניע״

אויף דער איניציאַטיוו פון די פּוילישע זשור־נאַליסטען און פון לאָדזער זשורנאַליסטען־סינדיקאַט, וועט דעם 14. יאַנואַר ק. י. פאָרקומען אין „פיל־האַרמאָניע״ אַ פאָרלעזונג פון ד״ר לעאָן ווייספעלד אד״ט: „די סבות און אויסגאַנגס וועגען פון קרי־זיס״.. די פאָרלעזונג פאַרשפּרעכט צו זיין זעהר אינטערעסאַנט.

קלאַנג־קינאָ־טעאַטער
ZACHĘTA
זגערזשער 26

היינט און פאָלגענדע טעג!
גרויסע פּרעמיערע!
א. נ.
אונטער דיין שוץ
אין די הויפּט־ראָלען:
Adam Brodzisz
Marja Bogda

דער זאַל איז צענטראַל בעהייצט.
אָנהויב פון די סעאַנסען טעגליך 4.30 נ״מ
שבת און זונטאָג—12.30 אַ זייגער בייטאָג

„לצים און נאַראָנים ביי יודען און אַנדערע פעלקער״

דער אָוונט פון דיכטער איציק מאַנגער

דער ליטעראַרישער אָוונט געווידמעט דעם דיכטער איציק מאַנגער, וואָס איז פאָרגעקומען דינ־סטאָג אין דער יודישער געזעלשאַפט פון לאַנד־קענטשאַפט, איז אַ יורך מיט גרויס ערפאָלג..

דעם אָוונט האָט געעפענט רעד. ח. י. בזשוס־טאָווסקי, וועלכער בעגריסט דעם דיכטער אין נאָ־מען פון דער געזעלשאַפט פון לאַנדקענטשאַפט, און רעפערירט וועגען איציק מאַנגערס לעצט בוך „לאַמטערן אין ווינד״, וועגען וואָס דער רעפע־רענט האָט געגעבן אַ גענויע אַפּשאַצונג.

באַלד דעם האָט דער דיכטער איציק מאַנגער גע־האַלטען אַ רעפעראַט וועגען „לצים און נאַראָנים ביי יודען און ביי אַנדערע פעלקער״..

דער דיכטער האָט אויף אַ מייסטערהאַפטען אופן גערעדט וועגען הומאָר און וויץ ביי יודען אין פאַרשידענע צייטען. זעהר ברייט האָט זיך דער דיכטער אָפּגעשטעלט אויף דער לעגענדאַ־רער פיגור פון הערשעלע אָסטראָפּאָלער, וועגען וועלכען די יודישע פאָלקסמאַסען דערציילען זיך אַן אַזוי פיל הומאָר. די פיגור פון הערשעלע אָסטראָפּאָלער, האָט דער דיכטער געשילדערט מיט אַלע דעטאַלען און דערביי איז די דאָזיגע גלענ־צענדע שילדערונג געווען אַדורכגעפלאָכטען מיט די שענסטע הומאָריסטישע עפּיזאָדען, מיט וועלכע עס איז פאַרבונדען דער זעלטענער גרויסער פאָלקס־לץ הערשעלע אָסטראָפּאָלער.

אַ גרויסען אָרט אין דיכטערס רעפעראַט האָט אויך פאַרנומען דער בערימטער כעלעמער הומאָר מיט טרעפליכע פאַרגלייכונגען האָט דער דיכ־טער אויך אילוסטרירט דיין רעפעראַט מיט׳ן פאָלקס הומאָר ביי אַ גאַנצע רייהע פעלקער.

דער עולם, וועלכער האָט איבערפילט דעם זאַל, האָט דעם רעפעראַט אויפגענומען מיט גרויס בעגייסטערונג.

ר. אייזראַעל

דירעקטאָר אַדאָלף גאָלד

סענסאַציאָנעל־שפּאַנענדער ראָמאַן פון יודישען לעבען

124

— איך מיין אַזוי, האָט רובין געזאָגט, איך זאָג נישט, אַ פּאַר אַדאָן זאָל נאָך אימיצער דין אַ חוץ מייסטערן, און געסאָבען און דעריבער דאַרף מען דעם ענין וואָס גיכער ליקווידירען. דוכט זיך, אַז איצט איז די העכסטע צייט דערפאַר: מיר פּאַסען דאָס טון וואָס גיכער, מיין מיינונג וואָלט געווען אַז שוין היינט זאָל אַלץ אויפגעקלעהרט ווערען.

— געוויס, געוויס, האָט באַנעצקי געזאָגט. איך האַלט מיך אויך אין דער מיינונג, אַז מיר קענען שוין אָנהויבען אונזער לעצטע טעטיגקייט אין דעם הענדעל, ס׳איז איצט נאָר אָנגעלאַנג פון הערמאַן טאוּבע, ער האָט דאָך אויך עפּיס צו זאָגען אין דער זאַך און אפשר האָט ער דאָס ערשטע וואָרט. איך ווייס צי טאוּבע איז שוין פעסטיג ענטגילטיג צו ליקווידירען דעם ענין.

טאוּבע האָט זיך פאַרטראַכט און דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבען פון אָרט און געזאָגט:

— יאָ, איך בין אויך שוין פאַרטיג, מיר קענען צוטרעטען צו דער ליקווידאַציע. איך האָב שוין נישט מעהר קיין שום פאַרבעהאַלטען, ביי מיר איז אַלץ קלאָהר, בגוגע מיר איז נישט פאַרהאַן קיין שום אָפּהאַלט, אין איבריגען פאַרלאָז איך זיך אויף באַנעצקי׳ן, ווייל ער איז מעהר פאַכמאַן ווי איך, ער פאַרשטעהט בעסער ווי אַזוי אַזעלכע ענ־ינים צו פיהרען.

— אויב ס׳האַנדעלט זיך נאָר וועגען מיר, האָט באַנעצקי שנעל געענטפערט, האָב איך שוין געזאָגט, אַז דער ענין איז פולשטענדיג רייף און אויף מיין זייט האָב איך שוין אַ פאַרטיגען פּלאַן פון ליקווידאַציע.

— איז גוט, ביטע הער באַנעצקי, איהר האָט פרייע הענד, איהר קענט אָנהויבען צו טון.

לויט טאוּבעס ווייד, האָט באַנעצקי געזעהען, אַז ער האָט אָנגענומען אַן׳ענטגילטיגען בעשלוס, בנוגע דיינע פּלענער מיט גאָלד׳ן און זיין פרוי גאָלד, אַז ער האָט רעזיגנירט פון זיינע ערשטע פּלע־נער וועגען דעם עקוויוואַלענט פאַר׳ן אַפּראַטעווען דעם דירעקטאָר גאָלד, באַנעצקי איז געווען דערפון צופרידען, צופיל אַכטונג האָט ער געהאַט פאַר טאוּבען און פאַר זיין טעטיגקייט, אַז איהם זאָל נישט אינטערעסירען דאָס, וואָס אויף טאוּבען קען פאַלען אַ חשד פון אייגען נוצען און דאָס אויף אַזאַ אופן, ווי טאוּבע האָט דאָס געהאַט לכתחילה צוגעטראָגט, איצט האָט ער נישט געוואָלט איבער־פרעגען טאוּבען, נאָר צוגעפּאַסט צום ענטגילטי־גען ערלעדיגען פון דעם אַלעם וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געזאַמעלט און סאָרטירט און וואָס האָט אַזוי פיל צרות געקאָסט.

— מיר געהען אַלע אין דער פּאָליציי, האָט באַ־נעצקי געזאָגט, מיר וועלען דאָס אַלץ איבערגעבען דער אויבערער מאַכט און דאַן זאָלען זיי דאָס טון וואָס זיי ווילען. מיר וועלען נאָר היטען, אַז זיי זאָלען ווידער נישט אַוועקטראָגען אָן אַ זייט. דוכט זיך, אַז איצט דאַרפען זיי שוין נישט פאַרפּאַסקוד־זשען דעם ענין, אויב יאָ וואָלט דאָס געווען דער גרעסטער סקאַנדאַל.

— זייט מיר מוחל, האָט טאוּבע געזאָגט, איך שאַץ גענוג איהרע פעהיגקייטען און וואָלט זיך אייגענטליך נישט געדאַרפט מעהר אַריינמישען אין דעם אַלעם וואָס איהר טוט איצט, אָבער מיין מיינונג וואָלט געווען, אַז נאָך איידער מיר וועלען געהען אין דער פּאָליציי, זאָלען מיר צווייסען געבען, אַז איהר זענט דאָ, וואָס וועגער איבעראַשונג וואָס געוואַנטער איז, לויט מיין מיינונג, פאַר דער זאַך.

— איך האָב מורא, טאוּבע, איך טאָר אפילו אַזוי נישט רעדען, אָבער איך האָב גענוג פּראַקטיק אין די דאָזיגע זאַכען, איך האַלט, אַז וואָס ווייניגער מען וועט וויסען אין דער פּאָליציי אַלץ בעסער איז פאַר דעם ענין, ווער קען מיר גאַראַנטירען, אַז אין דער פּאָליציי געפינט זיך נישט נאָך איצט עפּיס אַ מעשל, וועלכער שטעהט אין קאָנטאַקט מיט אַדאַן? אַז אַזעלכע מענשען זענען געווען, איז אַ פאַקט, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּלייקענען. ס׳קען דאָך זיין, אַז איצט זענען אויך אַזעלכע פאַרהאַן, מיר דאַרפען געהען און האַנדלען הונדערט פּראָ־צענט זיכער, הגם דאָס איז שוין די לעצטע מינוט, פונדעסטוועגען וועט פאָרזיכטיגקייט נישט זיין קיינ־מאָל קיין מניעה.

— מיר איז נישט קיין אונטערשייד האָט טאוּבע געזאָגט, איך האָב נאָר פאָרגעלעגט זיך פריהער צו פאַרשטענדיגען מיט דער פּאָליציי, צוליב איהער טובה וועגען.

— וואָס מיינט איהר דערמיט צו זאָגען? האָט האָבעצקי געפרעגט:

— איך האָב מורא, אַז איך זאָל נישט גע־שעהן עפּעס שלעכטס.

— פאַרוואָס?

— איהר זענט דאָך ענטלאָפען פון לאָדז אָהן דיער וויסען, איהר האָט דאָך אַרויסגעגנבעט די פרוי ראָזען פון טורמע, לויט די רייך־פּאָליציישע געזעצען זענט איהר דאָך בעגאַנגען אַ פאַרברע־כען און איך האָב מורא, אַז אויס ריינער אייפער זוכט פאַר דעם וואָס איהר האָט אויפגעטון, וועלען די אייך וועלען שלעכטס טון, נאָך איידער איהר וועט אָנהויבען די ליקווידאַציע פון שרעקליכע רוי־בערייען און מאָרדען.

באַנעצקי האָט זיך צולאַכט.

— ביי אייער גאַנצער גרויסקייט, זענט איהר נאָך גענוג נאַאיוו, האָט באַנעצקי געזאָגט.

— אַזוי זיכער זענט איהר, אַז איך וועט גאָר נישט געשעהן, האָט טאוּבע מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט.

— געוויס בין איך זיכער, מיר קען גאָר נישט געשעהן, איהר מיינט, פאַניע טאוּבע, אַז איך בין טאַקע ענטלאָפען פון לאָדז, אַז איך האָב זיך טאַקע ערלויבט אַרויסצוגנב׳ענען אַן׳אַרעסטאַנט פון טורמע און האַנדלען ווי אַ פאַרברעכער?

— ווי דען אַנדערש, אַזוי איז עס דאָך געווען.

— נישט אינגאַנצען אַזוי, עטוואָס אַנדערש. ס׳איז אַ פאַקט, אַז די לאָדזער פּאָליציי מיינט אויך אַזוי אָבער ביי די בידדיגערע פונקציאָנערען, די אָנפיהרונג, די פּראָקוראַטור האָט געוואוסט פון מיין פּלאַן און האָט איהם בעשטעטיגט, מיט זייער ווי סען האָב איך דאָס אַלץ אַדורכגעפיהרט, אַזוי אַז איך קען איצט זיין רוהיג, איך האָב גאָרנישט געטון אַזעלכעס וואָס קאָליזירט מיט דעם שטראָף־קאָדעקס.

טאוּבע איז געוואָרען פריהליכער, ער האָט באמת געהאַט אַ גרויסע זאָרג וועגען באַנעצקי׳ן, ער האָט מורא געהאַט, אַז די אַלע וועלכע זענען איהם מקנא צוליב זיין ערפאָלג, וועלען זיך בע־מיהען איהם שלעכטס צו טון, די וועלען אויסנוצען דאָס וואָס די האָבען אַ בייטש אויף באַנעצקין און וועלען פּרובען זיך נוקם צו זיין אָן איהם, איצט איז פאַר איהם קלאָהר געוואָרען די גאַנצע „טריק״, אין דער פּאָליציי־אָנפיהרונג, און דער פּראָקוראַטור האָט מען געוואוסט אַלץ וואָס באַנעצ־קי טוט, מ׳האָט בעשטעטיגט זיין פּלאַן, כדי אַריינ־צובריינגען אין אַ טעות די געפעהרליכע באַנדע, וועלכע ער האָט נישט געקענט בשום אופן אָנכאַפּען, איצט איז באַנעצקי צוריקגעקומען אַ פרייער און עהרליכער און האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט.

— אויב אַזוי האָט טאוּבע געזאָגט, אַ פרעהלי־כער און געשטאַרקטער, זאָלען מיר געהען אין דער פּאָליציי, האָבע מיר מעהר נישט וואָס אָפּ־צושלעפּען, דער ענין איז אינגאַנצען רייף. מיר וועלען נאָך בעווייזען היינט צו טאָן אַלץ צו ער־לעדיגען.

— פאַרשטעהט זיך, אויף מאָרגען קענען מיר דאָס שוין נישט אָפּלעגען.

(פאָרטזעצונג קומט).

די שוידערליכע באַהן=קאַטאַסטראָפע אין פראַנקרייך

טראַגישע סצענעס און בילדער. — האַרצרייסענדע פּרטים

פון פּאַריז שרייבט מען אונז:

אַ באַהן־קאַטאַסטראָפע וואָס האָט נישט צו זיך אין פערגלייך אין דער געשיכטע פון באַהן־קאַטאַסטראָפעס האָט אַריינגעוואָרפען אין אַ טיפען טרויער גאַנץ פראַנקרייך.

אין דער אָווענד־פינסטערניש און אַ נעפעל וואָס האָט פערטונקעלט די גרעסטע באַהן־לאַמטערנעס האָט זיך דער שנעלצוג פון שטראַסבורג געוואָרפען אויפ'ן עקספּרעס פון מעיער—שאַרלעוויל, וועלכער איז געלאָפען פון איהם.

די קאַטאַסטראָפע איז אַ שוידערליכע. צווישען די קרבנות איז יאַ־אַן אַ גרויסע צאָהל קינדער, וועלכע זענען געפאָהרען פייערן די חנוכּה, אַריי מע קינדער! וואָס פאַר אַ טראַגישע מתּנות זיי האָבען בעקומען! אַ גאַנצע משפּחה אַ פאָטער, אַ מוטער און דריי קינדער, זענען געווען פון די ערשטע, וועלכע מען האָט אַרויסגעצויגען אין דער קאַפּעלע פון גאַר דע ל'עסט. מען קען זיך נישט דערמאָהנען אַזאַ מין קאַטאַסטראָפע מיט אַזוי פיל מענשליכע קרבנות....

ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען

ביי ס'רוב באַהן־קאַטאַסטראָפעס ווייסען נישט די עדות געבוי ווי זי איז פאָרגעקומען, ביי דער דאָזיגער קאַטאַסטראָפע שילדערען די עדות אַזוי גוי די וואָלטען זי געזעהען געבוי און מיר האָבען פאַר זיך אַ גענוי בילד פון דער טראַגעדיע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביינאַכט. אין שווערען נעפעל, צווישען צוויי לויפענדע צוגען.

דער צוג איז פערביי געלאָפען פּאָמפּאָן, גאַני. שעל. אַזוי ווי מיר זענען געווען 8 אין קופּע, זע־הען מיר אַרויס שמועסען אין קאָרידאָר. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר האָבען אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער. דער נעבעל איז געווען שרעקליך געדיכט. דער צוג איז ווידער אָפּגעפאָהרען און האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט, מיר זענען געווען אין מיטען פעלד, צו אונזער רעכטע האַנד האָבען מיר געזעהען די מאַרן. פּלוצלינג איז דער צוג ווידער אָפּגעפאָהרען, ווען אַ צוג וואָלט אונטערגעקומען הינטער אונז, וואָלט ער אַרויף אויף אונז, כ'האָב נאָך נישט בעוויזען צו ענדיגען די דאָזיגע פראַזע ווי מיר האָבען דערפיהלט אַ שרעקליכען שטויס, אונזער צוג איז אָבער געגאַנגען..

אַ געדאַנק איז מיר דורכגעלאָפען אין קאָפּ:

— מיר גייען אַראָפּ פון די רעלסען!

דאָ האָבען מיר ווידער דערפיהלט אַ שוידער־ליכען שטורם. אונזער וואַגאָן האָט זיך אין גאַנצען אויפגעהויבען, און איז געפאַלען אויף דער לינקער זייט, אַ שפּיגעל איז צובראָכען געוואָרען, איך האָב געהאַט דעם קלאָרען איינדרוק אַז עס איז געשעהן עפּעס אומגעהויערס. איך בין אַרויס פון וואַגאָן, אַ מוראדיג בילד, דער גאַנצער פאָדערשטער טייל פון שטראַסבורגער שנעלצוג איז געלעגען אויף אונזער צוג. היינט וואָס ער האָט זיך פון אומעטום געטראָגען פון אונזער צוג איז אין גאַנצען געוואָרען אַ תּל.

פון אַלע מיינע רייזע־חברים בין איך געווען דער איינציגער וועלכער איז גע־אַטעוועט געוואָרען. פּלוצלונג האָב איך געזעהן ביי מיינע פיס אַ פער־גאָנודעס קינד, פון וואַנען האָט ער זיך גענומען דאָ? פון וואַנען איז ער געקומען אַהער?? דאָס קינד האָט יאָמערליך געוויינט.

* * *

איינער פון די, וועלכע האָבען זיך אויסער־געוועהנליך אויסגעצייכענט ביי דער רעטונגס־אַקציע איז געווען דער קליינער מאַטראָס מאָריס אַנ־סעל, ער האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך די געפעהר־ליכסטע ערטער אַבי צו ראַטעווען מענשען. ער האָט באמת בעוויזען העלדענטאַטען.

די רעטונגס=אַקציע אין לאַני

מען האָט זיך צוערשט דערוואוסט אין לאַגד וועגען דער דאָזיגער קאַטאַסטראָפע דורך אַ מאַן, וועלכער איז אַריינגעפאַלען ווי אַ משוגענער אין אַ קאַפע, און האָט נישט מיט זיין שטים, אויסגע־שריען:

— שרעקליך! שרעקליך!!

מען האָט געמיינט אַז ער איז משוגע, מען האָט אָבער געזעהן אַז פון איהם גיסט זיך בלוט, באַלד איז אָנגעקומען הינטער איהם אַ צווייטער פערוואונדעטער, וועלכער האָט שוין געקענט, ווי עס איז הערצעהלען וואָס עס טוט זיך.

די אַנוועזענדע האָבען ענדליך פערשטאַנען וואָס עס טוט זיך און מען האָט אָנגעהויבען צו לויפען אויפ'ן אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע. גלייך האָט זיך אָנגעהויבען די רעטונגס־אַקציע. מען האָט די פערוואונדעטע אויסגעלייגט אויף דער געפרויר־רענער ערד. דאָס בלוט האָט געפרוירען אויף זיי. עס איז געוואָרען אַ שרעקליכער יאָמער. מען האָט צוזאַמענגענומען שטיקער האָלץ און מען האָט דערפון געמאַכט פייער צו וואַרימען די פערוואונ־דעטע. פון לאַני, פון ווער האָט מען געבראַכט וואָס נאָר מ'האָט געקענט, דער באָדען איז געווען אין גאַנצען בעדעקט מיט מענשליכע פערוואונדעטע, מען האָט געזעהן ווי אַ מענש ליגט אויפ'ן בויך אונטער'ן וואַגאָן.

העלדישע מענשען זענען אויסגעקראָכען אונטער די רעדער פון די וואַגאָנעס און האָבען אַ רויסגעשלעפּט די פערוואונדעטע, מען האָט גע־מאַכט אויף גיך בעטען אַנידערצולייגען די פער־וואונדעטע.

פון פּאַריז — וואו מען האָט זיך דערוואוסט די קאַטאַסטראָפע — האָבען דערווייל אָנגעהויבען צו קומען ליידיגע וואַגאָנעס אין וועלכע מען האָט אַריינגעלייגט די פערוואונדעטע... איין צוג מיט פער־וואונדעטע איז אָפּגעפאָהרען, דער צווייטער — אַ לאַזאַרעט — איז אָנגעקומען. די רשימה פון די טויטע און די פערוואונדעטע האָט זיך געצויגען אַלץ טראַגישער, אַלץ לענגער.

די צוקאַלעטשעטע קינדער אין די שפּיטאַלען

פון האַלב 1 ביינאַכט האָט מען אין די שפּי־טאַלען אָנגעהויבען ברענגען די ערשטע קרבנות פון דער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע — און צווישען די, ליידער פיל יונגע קינדער.

מיט די עלטערן דיי'ע זענען די קינדערלעך געפאָהרען גליקליכע, פערברענגען די יום־טוב טעג מיט די שפּילצייג און מתּנות אין די צאַרטע הענטעלעך — און דער אומברחמנותדיגער גורל האָט זיי געטראָפען!...

אין איינער פון די פּאַלאַטעס פון שפּיטאָל סען לואי ליגען דריי קינדער, פערוואונדעטע אין די ווייסע און שמאָלע בעטלעך.

פון צייט צו צייט עפענען די די איבערגעשראָ־קענע אייגעלעך און פערמאַכען די גלייך, פונקט ווי די וואָלטען מורא געקריגען, פאַר די באַקעטע שפּיטאָל ווענט.

ווער קען וויסען וואָס האָבען איבערגעלעבט אין שרעקליכען אויגענבליק די קינדערשע מוחלעך? אויף דייערע צושראָקענע פּנימלעך לייענט מען נאָך איצט דייטליך די טראַגישע נאַכט־שרעק, וועלכע איז אפשר גרעסער ווי זייער ליידען...

דער קליינער 8 יעהריגער ראַלאַן גאַנע האָט געקענט זאָגען זיין נאָמען. ער ליגט רוהיג און עס איז איהם אוממעגליך צו בעוועגען זיך. ווייל זיינע פיסלעך זענען שווער פערוואונדעט.

פון וואַנען איז ער? וואוהין איז ער געפאָהרען? וואָס איז מיט איהם געשעהען?

שטום שוויגט ער אויף אַלע פראַגען, און קיין קען נאָך נישט אַנטוואָרטען.

דער 4־יעהריגער לואי מישעל האָט געוואוסט צו דערצעהלען אַז ער איז געפאָהרען קיין סען־דיזיע, זיין צושטאַנד איז צום גליקליכסט געפעהר־ליך.

נעבען איהם ליגט אַ קליין מיידעלע און דאָס קינדיש פּנימעל איז בלייך, אַה, אַ טראָפען בלוט.

אַרום איהר הערשט די בעאונרוהיגענדע שטיל־קייט פון שפּיטאָל. וועלכע זאָגט אָן עפּעס שרעק־ליכעס.

— מען האָט איהר געמוזט אָפּשניידען אַ פוס.

איהר לעבען איז אין געפאַהר.

די הייסט סוזאַן קאַספּאַר. און רעדט שווער פראַנ־צויזיש. פון וואַנען שטאַמט זי? פון וועלכער נאַ־ציאָנאַליטעט? קיינער ווייסט עס דערווייל נישט.

אין דער פּאַלאַטע פאַר ערוואַקסענע איז גע־בראַכט געוואָרען אַ 8 יעהריג מיידעלע — און איז גלייך דאָרטען געשטאָרבען. אַ קליין, דין בראָס לעטעל שרייט אַרויף פון איהר העמדעל: „זשאַקלין", אַרימע זשאַקלין!...

אומגליקליכע מאַמעס...

פון די אויערן פון די שפּיטאַלען דערטראָגט זיך שרעקליכע יאָמער געשרייען. דאָס וויינען מאַמעס — וועלכע רייסען זיך און פאָדערען זייערע קינדער... מאַמעס פליהען ווי צומישטע אויף טאַקסיס, פון איין שפּיטאָל אין צווייטען, זוכען און פאָדערען: אונזערע קינדער.

ווער ווייסט וואָס פאַר אַ באַכריכט ערוואַרטעט זיי?...

אַ מאַמע קושט איהרע טויטע קינדער...

אויפ'ן באַר דע ל'עסט צווישען די טויטע, ליגען, ביי צוואַנציג יונגע קערפּערלעך.. די גלי־דער צובראָכען, פערדעקט מיט בלוט, נישט צו דערקענען.

אַן אומגליקליכע פרוי שטעהט און דריקט צו איהר ברוסט די צוויי צוריבענע קעפּ־פּע־ס פון איהרע טייערע עופות'לעך. זי קושט זיי און האַלט זיי — און אין די פון טרעהרען רויט געוואָרענע אויגען קוקט אַרויס פערצווייפלונג...

פאַר אַזעלכע אומגליקען איז בעסער אַבי־שוויגען צו ווערען.

„דער יוד מוז אין א"י קוקען דורך אַראַבישע ברילען"

האַלב אָפיציעלער אָרגאַן פון בריטישען קאָלאָניאַל־אַמט וועגען „אומלעגאַלער" יודישער אימיגראַציע אין ארץ־ישראל

לאָנדאָן, (יט"א) דער האַלב־אָפיציעלער אָרגאַן פון קאָלאָניאַל־אַמט „ניר איסט ענד אינדיאַ מאַגאַזין" שרייבט אין זיין לעצטען נומער:

דער גורל פון דער א"י־רעגירונג איז ווייט פון צו זיין אַ גליקליכער. נאָכ'ן אויסשטעהען אַראַ־בישע אונרוהען אַלס פּראָטעסט געגען וואוקס פון יודישער עמיגראַציע האָט די א"י־רעגירונג געהאַט יודישע אונרוהען, אַרויסגערופען דורך רעוויזיאָ־ניסטען מיטן מאָטיוו, וואָס די עמיגראַציע איז נישט קיין גענוג שנעלע. גלייכצייטיג פיהרט דער פּאָלי־טישער ציוניזם אַ פּראָטעסט אַקציע געגען דעם בעשלוס צו דעפּאָרטירען אומלעגאַלע יודישע עמי־גראַנטען. די יודישע אַגענץ איז מסכּים מיט דער א"י־רעגירונג, אַז יודישע עמיגראַציע דאַרף רע־גולירט ווערען, הגם די אַגענץ איז נישט מסכּים דערויף, וואָס די רעגירונג שניידט אַזוי שטאַרק דעם זאַרגעפעלטיג - צוגעגרייטען אַרבייטס - עמיגראַציע־שעדיול פון דער אַגענץ.

אין דעם פּרט מוז אָבער אויסגעפיהרט ווערן דער בעשלוס פון דער רעגירונג. עס איז פעסטגע־שטעלט, אַז אַ בעדייטענדע צאָהל יודען איז גע־קומען קיין א"י אומלעגאַל. און עס שטעלט זיך די פראַגע, וואָס זאָל מען דאָ טוהן. די יודישע אַגענץ טענהט: „זאָרנישט". פון דער אַנדערער זייט אָבער שטעלט פעסט די רעגירונג דעם פאַקט, אַז דאָס געזעץ ווערט געבראָכען און שלאָגט פאָר דאָס געזעץ אָבצוהיטען, און עס איז באמת שווער צו זעהען, וואָס קען געטון ווערען. כּדי איינצוהאַלטען די אימיגראַציע אין איהרע לעגאַלע גרעניצען, אַנדערש ווי דורך אויסשליסען די אימיגראַנטען, וואָס זענען אַריינגעקומען און פאַרבליבען אומלע־גאַל.

דער אָרגאַן פון קאָלאָניאַל־אַמט ציטירט אַ רעדע, וועלכע עס האָט די טעג געהאַלטען דער פּראָפעסאָר פון קעמבריזשער אוניווערזיטעט טעמ־פּערלי און וועלכער פערוּפט זיך אויף אַן'ערקלע־רונג פון אַ „פיהרענדען ציוניסט אין א"י", אַז די צאָהל אומלעגאַלע אימיגראַנטען בעטרעפט זיבען טויזענד. דער פּראָפעסאָר גיט צו פון זיך, אַז די ווירקליכע צאָהל איז לפחות צעהן טויזענד.

אין אַזאַ פונדאַמענטאַלען פּראָבלעם ווי יו־דישע אימיגראַציע — שרייבט ווייטער „ניר־איסט" — קען מען קוים ערוואַרטען פון דער רעגירונג, אַז זי זאָל האָבען איינגעזעהען פאַר בפירוש'ען געזעץ־ברוך אָדער בעשטראָפען די שולדיגע בלויז מיט געלד־שטראָפען. אהן ספק איז דעפּאָרטאַציע אַ האַרבע שטראָף. עס קען אָבער נישט זיין קיין שלום, אויב מען גיט די אַראַבער וועלכען עס איז גרונד צו טענה'ן, דאָס — הגם עס ווערען פער־עפענטליכט אָפיציעלע סטאַטיסטישע ציפערן וועגען דער אימיגראַציע — זאָלען סיי די רעגירונג און סיי די יודען האָבען איינגעזעהן פאַר אַ בעדייטענ־דער צאָהל אומלעגאַלע אימיגראַנטען, פון וועלכער עס ווערט נישט פערעפענטליכט קיין חשבון.

אין דעם זעלבען נומער־פון „ניר־איסט" ווערט פערעפענטליכט אַ בעריכט פון דעם רעפּערענט וועגען „יודען און אַראַבער אין א"י", וועלכען ס'האָט אין קעמברידזש געהאַלטען דער אין אַרטיקעל דערמאָהנ־טער פּראָפ. טעמפּערלי. דער רעפּערענט האָט געגעבען אַ טענדענציעזע איבערזיכט איבער דער נאָכמלחמה־דיגער געשיכטע פון ציוניזם און געקומען צום אויס־פיהר, אַז דער איינציגער אויסוועג אין דער קאָמפּלי־צירטער לאַגע אין א"י וואָלט געווען דער, וועל־כען עס האָט פאָרגעשלאָגען סער מאַרק סייקס: „דער יוד מוז אין א"י קוקען דורך אַראַבישע ברילען".

קאָנפיסקירט די אַקטען און בוכפיהרונג

פון דער יודישער קהלה אין באַד נויהיים

בערלין (יט"א) אַלע אַקטען און די בוכפיהרונג פון דער יודישער קהלה אין באַד נויהיים זענען דורך דער פּאָליציי קאָנפיסקירט געוואָרען לויט דער פאָראָרדענונג פון דער אָרטיגער נאַצי־מוניציפּאַליטעט, כּדי פעסטצושטעלען, פאַרוואָס דער פריהערדיגער נויהיימער מאַגיסטראַט האָט גאַראַנטירט פאַר דער קהלה אַ הלוואה אויף אויס־בויען אַ נייע סינאַגאָגע. גלייכצייטיג איז פער־פיהרט געוואָרען אַ גריכטליכע אַקציע געגען די מיטגלידער פון פריהערדיגען מאַגיסטראַט. אין דער צווישענצייט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די הלוואה האָט דער מאַגיסטראַט נישט געהאַט גאַראַנ־טירט דירעקט. נאָר אַז דאָס האָבען געטון 46 פּריוואַט־זשיראַנטען און דער מאַגיסטראַט האָט די וועקסלען געהאַט איבערגענומען ערשט נאָכדעם, ווי זיי זענען אַדורך דורך פינף אַנדערע הענד.

געשטאָרבען בעדייטענדער יוד. מאַטעמאַטיקער פּראָפ. שלעזינגער

בערלין (יט"א) אין עלטער פון 70 יאָהר איז פון אַ הערץ־אַטאַק געשטאָרבען דער בעקאַנ־טער יודישער מאַטעמאַטיקער, עמעריטירטער אָר־דינאַריוס פון דער אוניווערזיטעט אין גיסען פּראָפ. לודוויג שלעזינגער. דער פערשטאָרבענער איז גע־ווען אַן'אויטאָריטעט אויפן געביט פון דער אַבסאָ־לוטער (נישט־אייקלידישער) געאָמעטריע און פון דער דיפערענציאַלען־טעאָריע. פּראָפ. שלעזינגער איז געווען הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער גאַוס־אויס־גאַבע פון דער אַקאַדעמיע אין געטינגען. דער פערשטאָרבענער האָט געשטאַמט פון אַ יודישער משפּחה אין דער סלאָוואַקיי און איז אַ צייטלאַנג געווען פּראָפעסאָר אויף די אוניווערזיטעטען אין בודאַפּעשט און קלויזענבורג.

יוד. מיטגלידער פון סאַלאָניקער שטאַט=ראַט דימיסיאָנירט

אַלס פּראָטעסט געגען קירצען די סובווענץ פאַרן יודישען סאָציאַלען שוץ־וועזען

סאַלאָניקי, (י.ט.אַ.) דער סאַלאָניקער שטאַט=ראַט האָט געקירצט די סובווענץ פאַרן סאָ־ציאַלען שוץ־וועזען פון דער יודישער קהלה פון 650 אויף 300 טויזענד דראַכמעס. די יודישע קהלה האָט איבערגעגעבען דעם שטאַט=פּרעזידענט אַ מעמאָריאַל, אין וועלכען עס ווערט אָנגעוויזען אויף דער וואַקסענדער פּויפּעריזאַציע פון די סאַ־לאָניקער יודען און עס ווערט פּראָטעסטירט געגען דער קירצונג פון דער סובווענץ. אַלס פּראָטעסט געגען דער קירצונג האָבען די יודישע מיטגלידער פון שטאַט=ראַט זיך אָנגעגעבען אין דעמיסיע און זייערע מאַנדאַטען געשטעלט אין דשות פון דער יודישער קהלה.

ארטאָפּעדישער אנשטאַלט

פּראָטעזען, גאָרסעטען, אָר־טאָפּעדישע אַפּאַראַטען אַלער אַרט. לייכטע פּלאַט־פוס־איינלאַגען בעגען פּיס־שמערצען אַלס נאָך גיפּס־אָבדרוק.

Dr. med. Lubicz u. Villy Simonović

פּיעטריקאַווער 119, טעל. 231-81.

Dr. med. H. LUBICZ

ספּעציאַליסט פאַר וועענערישע און געשלעכטס־קראַנקען

צעגעלניאַנאַ 7, טעל. 141-32.

נעהמט אָן פון 8—10 פריה, פון 12—2 נאָכמ. און פון 5—8 אָווענד, זונטאַג פון 9—11 בייטאָג.

צו אלע יודישע קהלות אין פוילען

(אויפרוף פון „צעקאבע")

אין דער איצטיגער ביז גאר טרויעריגער צייט פאר'ן גאנצען יודישען כלל אין פוילען, אין דער איצטיגער צייט, ווען אונזער גאנץ ווירטשאפטליך לעבען געפינט זיך אין א צושטאנד פון א פסדרידיגער און שנעלער ירידה פון שלעכט צו ערגער, איצטיגער צייט, ווען עס וואקסט געוואלדיג דער יאוש און פערצווייפלונג ביי די יודישע מאסען אין דער דאזיגער שווערער, אומפערגלייכליך שווערער צייט, טארען די יודישע קהלות, די פערטרעטער פון דער יודישער בעפעלקערונג, נישט בלייבען גלייכגילטיג צו דער אלץ צושטייגענדער ארימקייט און נויט צווישען דער זעלבער בעפעלקערונג..

די ג'ח־בעוועגונג איז אויסגעוואקסען צו א וויכטיגען פאקטאר אין ווירטשאפטליכען לעבען פון אונזער כלל טאקע צוליב איהר איינהייטליכען כאראקטער און צוליב דעם, וואס די דאזיגע בעוועגונג טראגט אויס פאר דער ברייטער עפענטליכקייט אלס א גאנצעס און צוליב דעם איז ביז גאר וויכטיג, אז די הילף פון די קהלות פאר די קאסעס זאל אויך זיין איינהייטליך אין גאנץ פוילען, עס פעהלט די אויטאריטעט פאר אלע קהלות צענטראלע קערפערשאפט, וועלכע זאל זיין אימשטאנד צו געבען די געהעריגע אנווייזונגען און פארארדנונגען וועגען דעם צו אלע קהלות, מיר מוזען אבער דורך דער איבעריגער דיסציפלין פון יעדער קהלה בעזונדער ברענגען צו דער דאזיגער פעראייניהייטליכונג.

מיר האלטען פאר ריכטיג און שטעלען פעסט, אז די סובווענציע פאר די ג"ח־קאסעס אין יעדער קהלה דארף בעשטימט ווערען לויט דער גרויס פון איהר בודזשעט און בעמליך, אז יעדע קהלה, וואס איהר בודזשעט בעטרעפט:

1) ביז 10.000 זל.	זאל די יעהרליכע סובווענץ בעטרעפען	5 פראצ. פון בודזשעט
2) פון 10.000 ביז 25.000 „	„ „ „ „	4 „ „ „
3) „ 25.000 „ 50.000 „	„ „ „ „	3 „ „ „
4) „ 50.000 „ 100.000 „	„ „ „ „	2½ „ „ „
5) „ 100.000 „ 50.0000 „	„ „ „ „	2 „ „ „
6) „ איבער 500.000	„ „ „ „	1 „ „ „

דער דאזיגער מאדוס איז אויסגעארבייט געווארען אויפ'ן גרונד פון די סובווענציען, וועלכע עס בעקומען איצט די קאסעס אין די שטעט, וואו די פערוואלטונגען פון די קהלות האבען די געהעריגע פערשטענדניש פאר דער יודישער נויט און פאר דער וויכטיגקייט פון די קאסעס ביים לינדערען די דאזיגע נויט.

בעוויס געפונען זיך די קהלות אליין אין א שווערער געדריקטער לאגע, אבער דער עלעמענטארער און הייליגער חוב פון די קהלות איז צו פערווענדען א בעשטימטען פראצענט פון די בעקומענע הכנסות פון דער בעפעלקערונג פאר דעם וואוילשטאנד פון דערזעלבער בעפעלקערונג.

די פערוואלטונגען פון די קהלות מוזען געדענקען, אז די בעשטימטע סובווענציען פאר די קאסעס, וועלכע וועלען אין קיין פאל נישט פערנוצט ווערען אויף אדמיניסטראטיווע צוועקען פון די קאסעס, וועלען בילדען צום אויסוואקסען זיך פון א גרויסען פאנד, וועלכער וועט געהערען צום גאנצען כלל..

לערך א מיליאן זלאטעס וועלען אריינברענגען די סובווענציעס פון די קהלות ווען זיי וועלען בעשטימט ווערען לויט דעם דערמאנטען מאדוס.

די נוצען פון א גרויסען געזעלשאפטליכען פאנד, וועלכער וועט — ווי געזאגט — יאהר־יעהרליך וואקסען מיט לערך א מיליאן זלאטעס זענען קלאסאלע און ביי דער איצטיגער אלגעמיינער פעראָרימטקייט וועט דאס ממש זיין פון א לעבענסוויכטיגער בעדייטונג.. מיט'ן וואוקס פון די קאסעס וועט אויך וואקסען די בעדייטונג פון דער הילף, וואס זיי ערטיילען דער בעפעלקערונג.

עס וועט מעגליך זיין דאס צו דערגרייכען נאר דאן, ווען קיין איין און איינציגע קהלה וועט נישט אפטרעטען פון דאזיגען מאדוס און יעדער פון זיי וועט דאס בעטראכטען אלס איהר הייליגען חוב לגבי די איינוואוינער פון איהר שטאט און לגבי דעם גאנצען כלל.

אין איצטיגען געפעהרליכען פאר אונז מאמענט איז די אינערליכע דיסציפלין און דאס פליכטבעוואוסטזיין לגבי די אינטערעסען פון כלל א געבאט אויף וועלכען קיין איינציגע קהלה טאר נישט עובר זיין.

נאר דורך פעראייניהייטליכע מיטלען, נאר דורך א פעראייניגטען ווילען, וועלען מיר קענען בעקעמפען די נויט און ארעמקייט, וועלכע צושטערען איצט אלץ, וואס ס'איז געשאפען געווארען אין משך פון דורות.

ווארשא, אין דעצעמבער 1933.

צענטראל קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע ארגאניזאציע אין פוילען
(—) דעפ. י. גרינבוים
(—) דר. י. דאווידזאהן
(—) דעפ. ד"ר א. ראזענבלאט.

הועד המרכזי של הסתדרות „מזרחי" בפולניה
(—) הרב שמואל הלוי בראט
(—) י. ניטענבוים
(—) לוי לוין־עפשטיין
(—) אלימלך נייפעלד.

עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער לאנדעס־ארגאניזאציע פאר מזרח־קליין־פוילען
(—) ד"ר עמיל שמארק (לעמבערג)
(—) ד"ר אברהם סטופ „

צענטראלער סוחרים־פעראיין אין פוילען.
(—) דעפ. ה. ווישליצקי
(—) אינזש. מ. זיידעמאן.

צענטראלער יודישער האנטווערקער־פערבאנד אין דער פוילישער רעפובליק
(—) ה. ראסנער
(—) ה. האפמאן.

הסתדרות „אגודת־ישראל" בפולניא
(—) א. מ. לעווין
(—) א. ז. פרידמאן.

נשיאות „אגודת־הרבנים" בפולין
(—) הרב חיים עוזר גראדזענסקי
(—) הרב אהרן לעווין
(—) הרב מנחם מענדל אלטער
(—) הרב שלמה דוד כהנא
(—) הרב יצחק מאיר קאנאל
(—) הרב ראובן יהודא נייפעלד.

ציוניסטישע עקזעקוטיווע פאר מערב־קליין־פוילען
(—) דעפ. ד"ר יהושע טהאן (קראקא)
(—) אדוו. ד"ר יהודה צימערמאן „

צענטראלער קליינהענדלער־פערבאנד אין פוילען
(—) אדוו. ב. זונדעלעוויטש
(—) ד. בערלינער.

דער צענטראל־קאמיטעט פון דער סאציאליסטישער פארטיי „פועלי־ציון" (רעכטע) האט ארויסגעשיקט א צירקולאר צו זיינע ארגאניזאציעס, אז די „פועלי־ציון"־פרנסים זאלען אונטערשטיצען דעם אנגענומענעם מאדוס פון סובווענצען פאר די ג"ח־קאסעס.

דאס לעבען אין ארץ־ישראל

(ידיעות פון דער יודישער טעלעגראפען אגענטור)

מערטירערטום פון ציוניסטען אין סאוויעט־רוסלאנד

תל־אביב. דער אויסלענדישער קאמיטעט פון דער סאציאליסטיש־ציוניסטישער פארטיי אין רוסלאנד טיילט מיט, אז דער הונגער־שטרייק פון די ארעסטירטע ציוניסטען־סאציאליסטען אין דער תפיסה אין ביסק האט געדויערט 28 טעג. די ארעסטירטע האבען אבער מיט'ן הונגער־שטרייק גארנישט געפועלט. די העכערע געריכטס־מאכט האט בעשטעטיגט דעם אורטייל פון דריי יאהר תפיסה פאר אברהם ווינק, משה זאטשערקאווסקי און קאטשקין. די ציוניסטען מאיר רובינאוו און נחום בערנשטיין זענען פערשיקט געווארען קיין מזרח־סיביר.

אנ'אראביש טאגבלאט אין דער ענגלישער שפראך אין ירושלים

ירושלים. דער ירושלים'ער קריסטליכער ארבעטער עמיל אנטאן גארי האט בעקומען פון דער ענטשפרעכענדער מאכט די ערלויבניש ארויסצוגעבען א טעגליכע צייטונג אין דער ענגלישער שפראך א. נ. „דהי אראב פעדערייש'אן". די צייטונג זאל האבען אלס אויפגאבע צו פראפאגירען דעם געדאנק פון א פעדעראציע פון אראבישע לענדער. דער רעדאקטאר פון דער צייטונג, וועלכער האט נאך דערוייל נישט אנגעהויבען צו ערשיינען, איז בעקאנט פון זיינע פערבינדונגען מיט דער ראדיקאל = נאציאנאליסטישער איסטאקלאל־ריכטונג.

א"י־רעגירונג אויסגעצאהלט דער עבר־הירדן־רעגירונג 30 טויזענד פונט בתורת הלוואה

ירושלים. ווי עס ווערט מיטגעטיילט, האט די א"י־רעגירונג שוין אויסגעצאהלט דער רעגירונג פון עבר־הירדן 30 טויזענד פונט אלס הלוואה פאר דער דארטיגער לאנדווירטשאפט. דער פאנד וועט אויסגענוצט ווערען אויף ערטיילען הלוואות נויטבעדערפטיגע לאנדווירטען. די הלוואות זאלען צוריקגעצאהלט ווערען אין משך פון א יאהר צייט צום צינז־פוס פון 9 פראצענט. אין פאל פון א טריקעניש וועט די אמארטיזאציע אפגעלעגט ווערען אויף ווייטערע 4 יאהר. די הלוואות פאר די לאנדווירטען זאלען גאראנטירט ווערען מיט זייערע אונבעוועגליכע גיטער.

אנטי־דייטשע באיקאט־לאזונגען אויף געלד־באנקנאטען אין א"י

ירושלים. דאס אראבישע טאגבלאט „פאלעסטין" טיילט מיט, אז אין א"י צירקולירען געלד־באנקנאטען, וואס ווערען דורך יודען פערזעהען מיט אנטי־דייטשע באיקאט־לאזונגען, ווי „באיקאטירט דייטשע סחורות" און „קויפט נישט קיין נאצי־אויסארבייטונגען". די אראבישע צייטונג מאדערט פון דער רעגירונג, אז זי זאל מאכען א סוף צו דער דאזיגער פראפאגאנדע־פארם.

יונגער גנב שרייבט ביאגראפיעס פון הויכע אריסטאקראטען אין איירפא

ער דערצעהלט, ווי אזוי ער האט זיך צוגעשארט צו דער שפאנישער קעניגין, צו דער טאכטער פון ענגלישען קעניג און אנדערע בערימטהייטען. — מאכט אביסעל געלט פון שרייבען זייער לעבענסגעשיכטע און געהט צוריק אוועק אין דער אונטערוועלט

בעטלי לוקאס, דער לאנדאנער יונגער אינטערנאציאנאלער גנב, וועלכער איז שוין אפגעזעסען עטליכע טערמינען אין פערשידענע טורמעס, כאטש ער איז איצט נישט מעהר ווי דרייסיג יאהר אלט, דערצעהלט ווי אזוי ער האט זיך איינמאל גענומען שרייבען און א געוויסע צייט געמאכט פון דעם א לעבען.

מ'האט מיך גוט געקענט אלס א גנב און שווינדלער, דערצעהלט ער, דאך איז מיר נישט געווען שווער צו פערקויפען ארטיקלען פאר צייטונגען, ווען איך האב זיך איינמאל גענומען דערצו, און טאקע אונטער מיין אמת'ן נאמען אלס אן'עקספערט איבער פערברעכען. דער ערפאלג פון די דאזיגע ארטיקלען האט מיר געגעבען מוט אויפצושרייבען צוויי ביכער וועגען גנבים און דער אונטערוועלט. און ווען איך האב געזעהען, אז דאס געלינגט מיר אין לאנדאן, האב איך בעשלאסען צו פרובירען עס טון אויך אין ניו־יארק.

אין ניו־יארק האב איך געקראגען צו דרוקען מיינע ביכער. אבער דא האט פאסירט עטוואס, וואס האט באלד איבערגעריסען מיין קאריערע אלס שרייבער אין ניו־יארק. איך האב זיך דערוואוסט וועגען א געוויסע פרוי, וועלכע איך האב שוין לאנג געגארט צו זעהן. דאס איז געווען „שיקאגא מעי", די געפעהרליכסטע פערברעכערין אין אמעריקע, וועלכע איז אמאל געזעסען פינף יאהר אין טורמע אין ענגלאנד. זי האט עס אמאל ארויסגעגנב'עט איהרען א חבר פון דער בערימטער פראנצויזישער טורמע „טייוועלס איילענד".

איך האב זיך דערוואוסט, אז זי וואוינט אין פילאדעלפיע און בין גלייך אוועקגעפאהרען צו איהר. מיר האבען געהאט אן'אינטערעסאנטען שמועס, אבער איך בין געווען זעהר ענטוישט, ווען איך האב געזעהען, אז זי איז שוין אלט און מיאוס.. אין א פאר טאג ארום האט זי מיר געמאכט א פארשלאג, מיר זאלען כלומרשט הייראטען אלס א רעקלאמע קונץ פאר אונזערע ביכער: איהר אויטאביאגראפיע האט בעדארפט באלד ערשיינען און מיינער א בוך וועגען פרויען־פערברעכער איז באר וואס אויס. איך האב קיין זאך נישט איבערגעטראכט און בין איינגעגאנגען אויף דעם.

אויף מארגען, באדעם, ווי די צייטונגען האבען געמאלדען וועגען אונזער פערלאבונג, איז צו מיר געקומען א בעאמטער פון אימיגראציע־דעפארטאמענט און געבעטען ווייזען מיין פאספארט. ער האט בעטראכט דעם פאס און ערקלערט מיר, אז איך זאל גלייך אפפאהרען פון די פעראייניגטע שטאטען. א נישט וועל איך ארעסטירט ווערען. בין איך דעמזעלבען טאג אפגעפאהרען קיין לאנדאן.

איז מיר איינגעפאלען א געדאנק צו שרייבען ביאגראפיעס פון קעניגליכע פערזאנען. זיי אליין איז נישט פאסיג צו טון עס, אבער זיי וועלען מסתמא זיכער זיין צופרידען, אז אנאנדערער זאל עס טון פאר זיי.

ווי באלד איך בין געקומען אין לאנדאן, האב איך געביטען מיין נאמען אויף עוועלין גרעהעם. איך האב באלד אויסגעפונען, אז פרינצעסין מערי, דעם ענגלישען קעניג'ס טאכטער, איז א פאסיגע פערזאן צו שרייבען איהר ביאגראפיע. האב איך גלייך אוועקגעשיקט א טאקטפולען בריף צו איהר, און אנגעגעבען איז צו מיין גרויס פרייד אנגעקומען אן'ענטפער מיט אן'ערלויבניש איך זאל אנקומען מיט מיין ארבייט.

אזוי ווי איך האב דאך נישט געוואלט מ'זאל זיך דערוויסען ווער איך בין, האב איך אנגעשטעלט אן'אגענט, וועלכער איז פאר מיר געגאנגען צו די צייטונגען און אנגעשירט וועגען דרוקען די ביאגראפיע פון דער פרינצעסין.

אין זעקס וואכען ארום האב איך געהאט פארטיג דעם מאנוסקריפט פאר דער פרינצעסין צום איבערליינען עס און באלד איז עס ערשינען אין איינער פון די גרעסטע צייטונגען אין לאנדאן, פאר וואס איך האב געקראגען דריי טויזענד דאלאר, און באלדעם אין א בוך־פארם פאר וועלכען מען האט מיר געגעבען דריטהאלבען טויזענד דאלאר.

איך האב זיך געפיהלט א וויכטיגע פערזענליכקייט. און דער ערפאלג האט מיך בעמוטיגט צו געהן ווייטער, העכער. האב איך בעשלאסען צו שרייבען די ביאגראפיע פון דער שפאנישער קעניגין. איך האב אוועקגעשיקט א בריף צו איהר און באלד געקראגען אן'ענטפער צו שרייבען עס. ווען איך האב דעם מאנוסקריפט באלד פערטיג געהאט, האב איך ווידער געשריבען צו דער קעניגין און געקראגען אן'איינלאדונג צו קומען קיין מאדריד.

איידער איך בין צוגעקומען צו דער קעניגין אין איהר פאלאץ, בין איך דורכגעגאנגען א רייהע אלערליי סארטען בעאמטע. ענדליך בין איך גאר געשטעלט געווארען צו קעניגין וויקטאריא יודזשיניע פון שפאניען. איך וועל יענעם מאמענט קיינמאל נישט פערגעסען. צו בעשרייבען דעם גלאנץ און פוץ פון איהר פאלאץ און איהר בודואר, וואו איך האב מיט איהר אליין פערבראכט עטליכע שעה צייט, וואלט פערנומען צופיל פלאץ. זי איז געווען זעהר פריינדליך און ליבליך מיט מיר. איך האב בעדארפט האבען בילדער פאר'ן בוך, איז ביי יעדען בילד, וואס זי האט מיר דערלאנגט, האט זי מיר דערצעהלט עפעס א מעשה, א פאסירונג פון איהר לעבען. זי האט מיר דערצעהלט, ווי אזוי דער קעניג אלפאנזא האט זיך אין איהר פערליבט.

„ער האט גלייך געוואלט מיט מיר חתונה האבען", האט זי דערצעהלט. „אבער איך האב איהם אפגעלעגט. ער האט דא בעדארפט פאהרען אין די קעניגליכע הויפען פון דייטשלאנד און עסטרייך, וואו איך האב געוואוסט ער וועט זעהן א סך פרינצעסינס, שעהנערע פון מיר.. איז ער אן'אומצופרידענער אוועקגעפאהרען.. יעדען טאג האט ער מיר געשיקט א בריף, ווען ער איז געקומען צוריק, האט ער מיר געזאגט, אז ס'איז נישטא קיין אנדערע פרויענצימער אויף דער וועלט, מיט וועלמען ער זאל וועלען אזוי שטארק חתונה האבען ווי מיט מיר".

דערנאך האט זי מיר געוויזען דאס בילד פון איהר חופה־טאג.. איהר קלייד איז געווען פערגאסען מיט בלוט. ווי בעקאנט איז דאן געווארפען געווארען א באמבע אויף דער קארעטע, ווען זיי זענען צוגעפאהרען צום קלויסטער.. די פערד זענען צעריסען געווארען, און דאס בלוט האט כמעט שפריצט איהר חופה־קלייד.

קורץ און גוט, איך האב געקראגען אלעס בווילליגעס, און דער בוך, „דאס לעבען פון דער קעניגין פון שפאניען", איז באלד ערשינען.

האב איך שוין געהאט א נאמען. איך האב ווייטער געשריבען ביאגראפיעס. דאס אינטערעססאנטסטע איז, וואס דער גרעסטער קרימינאל־ריכטער פון ענגלאנד, לארד דזשאסטיס דארלינג, האט מיר געהאלפען שרייבען זיין ביאגראפיע — מיר, אזא חברה־מאן פון דער אונטערוועלט.

דאס פערדינטע געלד האב איך אבער שנעל פערשווענדעט, ווי געוועהנליך, אויף פרויען און זיבד און איך האב געמוזט האבען נאך געלד.. האב איך געפעלשט א ביאגראפיע פון עפעס א לאדי, וואס איז גאר (אויף דער וועלט נישט געווען, אבער [illegible]. זענען באלד געקומען צוויי דעטעקטיווען און האבען מיך ארעסטירט.

און דאס האט בעענדיגט מיין ליטערארישע קאריערע.. די אונטערוועלט האט ווידער געווארט צו פערשלינגען מיך.

2 קאנקורענטען צו א פרויען-הארץ
איינער דערשיסט דעם אנדערן אויף טויט

(2) אין שטעטעל טולישקאוו, קאנינער קרייז איז דינסטאג פארגעקומען א שרעקליכער פאל, אין דער וואוינונג פון מאריא ביאלעצקא זענען געקומען דער 24-יעהריגער יוזעף יאשונסקי און דער 20-יעהריגער אדאם דאלאזינסקי, ביידע יונגעלייט האבען זיך בעמיהט וועגען דער האנד פון דער שעהנער מאריא, בעת דער סעודה איז אויס געבראכען א קריגעריי צווישען ביידע קאנקורענטען, בעת וועלכער יאשינסקי האט ארויסגעכאפט א רעוואלווער און עטליכע מאל אויסגעשאסען אין דאלאזשינסקין, אין עטליכע שעה ארום איז דער שווער-פערוואונדעטער געשטארבען.

אשונסקי איז ארעסטירט געווארען.

די ערעפענונג פון נייעם לאקאל „אגודת ציון“

די טעג איז בעגייט געווארען די טעטיגקייט פון „אגודת ציון“, אפטיילונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אויף אלטשטאט. די ערעפענונג פון נייעם לאקאל אויף בזשעזשינער 5 האט צוגעצויגען א גרויסע צאהל מיטגלידער. די פערזאמלונג האט געעפענט ה' אבא דיאמענט. מיט א רעפעראט אויסשקין דער גרויסער פאטריאט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג איז ארויס געטרעטען סטוד. ש. ליפעל, וועלכער האט גערופען צו א פערשטארקטע ארבייט און בפרט פאר דער אקציע פון „כפר אוסישקין“. די פערזאמלונג האבען געשלאסען די חברים: אינזביצקי און רייבענבאך. מיט'ן געזאנג פון „התקוה“ ווערט די פערזאמלונג געשלאסען.

די טוריסטען-בעוועגונג קיין ארץ-ישראל

לעצטענס לאזט זיך בעמערקען א שטארקערע פרעקווענץ אין דער טוריסטישער בעוועגונג קיין ארץ ישראל און אלע סמנים ווייזען דערויף, אז דער באהעוונטסטער טוריסטען סעזאן וועט זיין א זעהר לעבהאפטער.

א בעזונדערע פערא-בטערעסירונג האט אויך ארויסגערופען דער מזרח-ירידי, וועלכער ווערט געעפענט אין תל-אביב אין חודש מערץ, און וועלכער וועט געוויס צוציהען א גרויסע צאהל טוריסטען פון די האנדעלס- און אינדוסטרי קרייזען.

כדי צו פערלייכטערן די טוריסטישע בעוועגונג קיין ארץ ישראל ווערען דורך דער טוריסטען אפטיילונג ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע ארגאניזירט ספעציעלע עקסקורסיעס קיין ארץ ישראל און עס ווערען אויך איינגעארדענט אינדיווידועלע רייזעס פון טוריסטען.

די רייזעס קומען פאר יעדע 2 וואכען מיטן גרויסען פוילישען דאמפער „פאלאניא“.

מעלדונגען

גרויסע הנחות אין שטאטישען טעאטער.

ביבליאטעק א.נ. ב. באראכאוו, אל. קאשטשושקי 9.

די קולטור קאמיסיע ביי דער באראכאוו-ביבליאטעק, אל. קאשטשושקי 9 גיט ארויס ספעציעלע הנחה-בילעטען אין שטאטישען טעאטער צו זייער בילינע פרייזען. די הנחה-בילעטען זענען שטענדיג גילטיג.

הנחה-בילעטען אין אלע קינאס, אויף אלע טעג און סעאנסען.

פרייטאג, דעם 29 א ספעציעלע הנחה-פארשטעלונג אין שטאטישען טעאטער.

בילעטען פון 30 גר. ביז 1.90 צו בעקומען אין דער ביבליאטעק.

שבת, דעם 6-טען יאנואר 10.30 פריה אין „קאפיטאל“ א הנחה פארשטעלונג פונם בעריהמטען פילם „בונט מלאדזעזשי“ בילעטען צו 25 גר.

די באראכאוו ביבליאטעק, אל. קאשטשושקי 9 טעל. 191.50 איז טעטיג טעגליך פון 10 פריה ביז 2 נ.מ. און פון 4 ביז 10 נ.מ.

געזעלשאפט קולטור-ליגע, לאדוש.

די צענטראל ארטיסטישע אפטיילונג גיט ארויס הנחה בילעטען אין שטעטישען טעאטער אויף אלע יום טוב טעג צו בילינע פרייזען.

הנחה-בילעטען אין קינאס.

די אפטיילונג גיט ארויס הנחה בילעטען אין די בעסטע קינאס ביי אונז אין שטאט. די הנחה-בילעטען זענען גילטיג יעדען טאג (אויך שבת און זונטאג) הנחות אויף אלע פלעצער.

שפראך-קורסען.

ס'ווערען באך אנגענומען איינשרייבונגען אויפן קורס פון פרעמדע שפראכען: ענגליש, פראנצויזיש און רוסיש דער אפצאהל פארן גאנצען קורס איז 10 זל. איינשרייב-געלד 1 זל.

די עספעראנטע סעקציע ביי דער געז. „קולטור-ליגע ארגאניזירט א קורס פון עספעראנטא פאר אנפאנגער. איינשרייבונגען ווערען שוין אנגענומען. איינשרייבונגען אויף דער קאלאניע אין זאקאפאנע

די אפט. פאר טוריסטיק און לאנדקענטניש נעמט אן איינשרייבונגען אויף דער קאלאניע אין זאקאפאנע אויפן 1-טען יאנואר.

שבת דעם 6-טען יאנואר ק. י. קומט פאר אין פילהארמאניע א פייערליכע קאנצערט-אקאדעמיע. פרטים אין די ווייטערדיגע אנאנסען.

גראסער - ביבליאטעק אין לאדז, זאכאדניא 68

דער חודש דעצעמבער איז דערקלערט געווארען אלס ווערביר חודש פאר נייע לעזער. אין דער ביבליאטעק געפינען זיך די בייעסטע אויסגאבען אין דער יודישער און פוילישער שפראך, רייכע קינדער - אפטיילונג, חודש - אפצאהל פון 40 גר. און ביים איינשרייבען זיך אין דעם חו"ש — גרויסע הנחות. די איינשרייבונגען קומען פאר יעדען טאג פון 1 ביז 3 נאכמ. און 6 ביז 10 אווענד, שבת פון 10 ביז 2. און פון 5 ביז 8 אווענד.

צו די ה"ה גנבים!

דעם 18/12 ביינאכט האט מען מיר בעגנבעט מיין וואוינונג זגערזשער 41, ליבפריינד. צוו. צנד. האט מען מיר צוגענומען 2 וועקסלען, איינער אויף 600 זל. אויסשטעלער ראביעגא און 300 זל. אויסשטעלער וועלפעל. איך בעט מיר צוריקצושיקען געגען בעלוינונג, ווייל זיי האבען פאר קיינעם קיין שום ווערט נישט, די וועקסלען ווערען ערקלערט פאר אונגילטיג.

קלאנג-קינא **CAPITOL** זאוואדזקא 16

היינט און פאלגענדע טעג — גרויסע פרעמיערע! — היינט און פאלגענדע טעג

„URWIS Z HISZPANJI“

מיט EDDIE CANTOR אין דער הויפטראלע. — אויסערן פראגראם: א קלאנג-צוגאבע.

אנהייב 4 א זייגער נאכמ. שבת, זונטאג און יום-טוב 12 א זייגער בייטאג. — דער זאל איז גוט בעהייצט.

כירורגישער קאבינעט Dr. med. **J. Szreiber** געפינט זיך יעצט אויף **Narutowicza 9 tel. 122-95** אפעראציעס, אפאטרונקעס, היילט זשילאקעס א.ז.וו., נעמט אן פון 2 ביז 3 און פון 7 ביז 8.30 אוו. לעטשניצע-פרייזען.

כירורגישער קאבינעט Dra med. **M. Kantor** איז געווארען איבערגעטראגען אויף זשעלאנא 5 טעל. 112-22 געהמט אן פון 1—3 און פון 6—8 אוו. לעטשניצע-פרייזען.

ערעפענט געווארען אויף פיעטריקאווער 59 געוו. „Rogów“ פון גרעסטען אנאטאמיש-פאטאלאגישען מוזעאום וואס בעזיצט 6 אפטיילונגען, איבער 1000 עקספאנאטען, זעלטענע נאטור-ערשיינונגען פון דער וועלט ווי: צוויי ציזאמענגעוואקסענע קינדער (Sjami) א ציקלאפ מיט איין אויג, א קינד מיט 2 פנים'ער א. ז. וו. אפען טעגליך פון 11 פריה ביז 11 אוו. איינטריט נאר 50 גר.

זיכערע הילף און א רפואה!

אהן אפעראציע, אהן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיפטונג פאר קראנקע אויף ברוכען, פאר מענער, פרויען און קינדער, פערשידענע קאליקעס אין גוף, פאר הויקערס אהן פיס.

פערלאזט נישט די קראנקהייט, ווייל דער ווינקעל-ברוך ווערט גרויס ווי א מענשען-קאפ, און עס פעלט ארויין אין דעם פיס איז דער קראנקער אין א גרויסער סכנה, דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעלע גומענע הייל-באנדאזשען בעזונדערע; זיכער דעם שווערסטען ברוך, אויך פאר הויקערס, לייטונגען ספעציעלע הייל-גארסעטן און אפאראטען פאר פערקרומטע פיס און פלאטפיס, ווי אויך קונסטליכע גומענע פיס.

עפענען טעגליך פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

אכטונג! זייט דעם ערשטען אקטאבער ד. י. ווערען אלע קראנקע אין מיין ארטאפעדישע הייל-אנשטאלט נור פון מיר פערזענליך בעהאנדעלט.

איינציגע ארטאפעדישע הייל-אנשטאלט
Specialist Dyr. J. RAPAPORT, Ortoped פון לעמבערג
Łódź, Wólczańska 10, tel. 221-77, front, parter.

מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע.

דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס מין דאנקבארקייט דעם בוויסטען ארטאפעד. ספעציאליסט דיר. י. ראפאפארט אין לאדז, וואלטשאנסקא 10, פראנט, פארטער, פאר זיין ארויסראטעווען מיך פון א שווערער ברוך-קראנקהייט. דער ה' דיר. י. ראפאפארט האט נישט געשפארט קיין ארבייט, בעת מ'האט מיר געדראהט א געפאהר און האט מיך דערפיהרט צו א נארמאלען געזונד-צושטאנד. נאך 3 וואכען טראגען זיין מעטע, הייל-באנדאזש פיהל איך מיך נישט בלויז געזיכערט געגען א געפאהר, נאר פולשטענדיג געזונד.

ארוויל דרעשלער. לאדז, ווסכאדניא 4. (8)

קליינע אנאנסען 1 זלאטי אנאנס ביז 15 ווערטער — פערשידענעס

א שותף מיט 1500 זל. צו א גוט איינגעפיהרט געשעפט ווערט געזוכט. צו ערפאהרען זל. 1. מאי 19, לינקס, פארטער, אין הויף.

ס'ווערט געזוכט צו קויפען א 10-ער און 12-ער קעטעל-מאשין, ווי אויך א שנייד-מאשין צו שטרימף אין גוטען צושטאנד. זיך צו מעלדען קאמיענגא 14, ביי טרויבע, אין טויער, פארטער.

בוכהאלטער און רוטינירטער בילאנסיסט מיט לאנגיעהריגער פראקטיק האט נאך איניגע פרייע שטונדען. פאר אנערקענען די ביכער גאראנטיר איך מיט קויציע. פרייזען מעסיגע. 6574
Leon Krell, Piotrkowska 86, m. 37

אנ'ערשטקלאסיגע וואוינונג פון 4 צימער און קיך מיט אלע בעקוועמליכקייטען עווענטועל 2 צימער און קיך מיט אלע בעקוועמליכקייטען צו פערמיטען. לימאנאווסקיעגא 14, ביים ווירט 6949

דיפלאמירטע פיעלעגניארקע נעהמט אן זאסטושיקען, מאסאזשען, אויך דיזשורירען. טעלעפאן 118-94. 6740

LECZNICA chorób uszu, nosa i gardła מיט שטענדיגע בעטען עס ארדינירען די דאקטוירים: Dr. IMICH, Dr. WOŁYŃSKI **PIOTRKOWSKA 55** fr. I p., tel. 174-74.

כירורגישער קאבינעט Dr. med. פון **A. FORSZANSKI** **Piotrkowska 101** tel. 210-76 נעהמט אן פון 1—2 און פון 5—7 אוונט אפעראציעס, אפאטרונקעס. קווארץ, דיאטערמיע א. ז. וו. לעטשניצע - פרייזען.

רוטינירטע קראנקען-שוועסטער נעמט אן: דיזשורען, מאסאזשן און איינשפריצונגען. טעלעפאן 157-49

Dr **S. Kantor** ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע וואוינט יעצט Piotrkowska 90, tel. 129-45 נעמט אן פון 8—2 נאכמ. און פון 4—9 אוו., זונטאג און יום-טוב פון 8—2 נאכמ.

Dr. med. **Niewiażski** ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען. בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע אנדזשעיא, 5 טעל. 159-40. נעהמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו. זונטאג און יום-טוב פון 9 - 1 פארטימאג. בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

כירורגישער קאבינעט Dr. med. M. **Eljasberg** 80 פיעטריקאווער 80 טעל. 117-87. נעהמט אן פון 3—5 נאכמיטאג.

שיימלען מיט פאריזער שרינדן און פערטיגע שיימלען ווערען ערשטקל. און רעיעל אויסגעפיהרט אויך אנדולאציע און מאניקור ביי קערש, סקווערא 15

אכטונג, צייטונגס-פערשפרייטער

ביים צענטר. קליינהענדלער-פעראיין, פאמארסקא 15.

אלע חברים ווערען געבעטען אין זייער אייגענעם אינטערעס פינקטליך צו צאהלען די ביטראגע יעדע וואך. אויך די פערלעגענע ביטראגע בעט מען זאפארט צו קומען אין פעראיין און רעגולירען דעם בעטראג — ווייל נאכ'ן נישט צאהלען מעהר ווי 3 חדשים קיין ביטראגע לויט'ן רעגולאמין הייסט אויטאמאטיש זיך אליין אויסגעשלאסען פון פעראיין אלס א מיטגליד, צוליב וועלכען עס מאכט איהרע מיטגלידער אויפמערקזאם די פערוואלטונג.

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער-שורה

פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב-יו"ט—24 גר.	אין דער זייט שפאלטען	
אין טעקסט—40	60—	4
נאכ'ן טעקסט—12	18—	

אויסער דער שטאדט 50 פראצ. טייערער, אויסלאנד 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א ווארט

נעקראלאגען—20 גר. א מ/מ (אין דער זייט שפאלטען) קליינע אנאנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס ווייטערדיגע ווארט — 10 גר.

אבאנאמענטס-פרייז: אין לאדז — 4 זלאטעס א חודש מיט אפטראגען א היים. אויף דער פראווינץ — 5 זל. א חודש; אין אויסלאנד 7 זל. אמעריקא—1 דאל.

פעהלערן, וועלכע ענדערן נישט פרינציפיעל דעם אינהאלט פון דער אנאנס בערעכטיגען נישט צום איבערדרוקען די אנאנס אדער צוריקצאהלען פאר דעם אנאנס

פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך. די אדמיניסטראציע איז אפען ביי טאג און ביינאכט.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg — Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.